פינפצענטער יאָרגאַנג

№ 1 — Opłata pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשן. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibljot. Jagiellońska Kraków św. Anny 19

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Piątek 3 stycznia 1936 — ליכט-צינדען 3.23 — פרייטאג, פ׳ ויגש ט׳ טבת תרצ״ו

מזל-טוב און פיעל גליק צו די תנאים פון ה׳ **הערשליק שאַיאַ**
מיט פרל. **עדזיאַ גאָמאָלינסקאַ** פון לאָדז, ווינשען:
אברהם קישעפיצקי און פרוי, יעקב אָנקלעוויטש און פרוי,
נחום גערשט און פרוי, א. סאָבעלמאַן און פרוי, וויעלון

צו דער חתונה פון אונזער שעף ה׳ **הערמאַן מונאָוויטש**
מיט פרל. **פעלאַ נאָוואַק**
ווינשט א גליקליכע צוקונפט און אייביגע צופרידענהייט
דאס פערסאָנאַל,

לרגלי נשואי **ישעי׳ לנדו** את **אסתר באומבערג**
שתתקימנה היום, ברכותינו הלבביות להם שליחות
עקיבא פוגעל, לייביל קפלן.

צו דער תנאים פון אונזער ברודער און שוואגער
משה מיענטקעוויטש מיט פרל. **סאַלאַ טאַוזיעוויטש**
ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב און פיעל גליק
ישראל סקאָווראָנעק און פרוי.

UCIA WAJNSZTOK **HENIEK MARKOWICZ**

ZAŚLUBIENI

Częstochowa, w grudniu 1935 r.

מאַניאַ ווײַנשטאָק **שמואל ווײַנשטאָק**

תנאים געשריבען

טשענסטאָכאָוו, אין גרודזיען 1935 י.

צו דער חתונה פון אונזער טאָכטער **רעגינאַ** מיט **העניעק מאַרקאָוויטש** און צו דער תנאים פון אונזער זוהן **שמואל** מיט פרל. **מאַניאַ ווײַנשטאָק** שפענדען מיר פאַר פאָלגענדע אינסטיטוציעס: יודישע שפיטאל 10 זל., יתומים-הויז 10 זל., בית לחם 10 זל., מחזיקי הדת 10 זל., ישיבת „שפתי צדיק" 10 זל., לינת הצדק 5 זל. און „תומכי עניים" 20 קילאָ ברויט.

פאמיליע ווײַנשטאָק.

צו דער חתונה פון אונזער שוועסטער און שוועגערין **רעגינאַ ווײַנשטאָק** מיט ה׳ **העניעק מאַרקאָוויטש** און צו דער תנאים פון אונזער ברודער און שוואָגער **שמואל ווײַנשטאָק** מיט פרל. **מאַניאַ ווײַנשטאָק** א האַרציגען מזל-טוב און די עלטערן פיעל נחת ווינשען

יצחק קאָרנפעלד און פרוי, וולאָשטשאָווא.

צו דער חתונה פון פרל. **רבקה ווײַנשטאָק** מיט ה׳ **הירשל מאַרקאָוויטש** און צו די תנאים פון ה׳ **שמואל ווײַנשטאָק** מיט פרל. **מאַניאַ ווײַנשטאָק** אונזער הארציגען מז״ט און א בליהענדע צוקונפט. די עלטערן פיעל נחת ווינשען

מרדכי גרשון ווילינגער און פאמיליע,
קוזין עקיבא לעווענטאָל און פאמיליע.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פריינד **העניעק מאַרקאָוויטש** צו זיין חתונה מיט פרל. **אוטשאַ ווײַנשטאָק.**
די עלטערן ווינשען מיר פיעל נחת.

מענדיל עהרליך און פרוי.

מזל-טוב ווינשען מיר דער פרל. **רעגינאַ ווײַנשטאָק** צו איהר חתונה מיט ה׳ **העניעק מאַרקאָוויטש** און דעם ה׳ **שמואל ווײַנשטאָק** צו זיין תנאים מיט פרל. **מאַניאַ ווײַנשטאָק** די עלטערן פיעל נחת

פאָמיליע וולאדאווסקי

צו דער תנאים פון ה׳ **שמואל ווײַנשטאָק** מיט פרל. **מאַניאַ ווײַנשטאָק** און צו דער חתונה פון פרל. **רעגינאַ ווײַנשטאָק** מיט ה׳ **העניעק מאַרקאָוויטש** א הארציגען מז״ט און א בליהענדע צוקונפט ווינשט

פאַמיליע גאָטליב.

Z intencji zaślubin p. UCI WAJNSZTOKÓWNY z p. HENRYKIEM MARKOWICZEM oraz zaręczyn p. SZMULA WAJNSZTOKA z p. MANIĄ WAJNSZTOKÓWNĄ życzy dużo szczęścia

Personel firmy Wajnsztok.

מיר נעמען אַנטייל אין צער פון אונזער פערוואַלטונגס-מיטגליעד ה׳ **יעקב שיליט** צוליעב׳ן טויט פון זיין פאָטער

ניסן נ״ע

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

די פערוואַלטונג פון טאַפעצירער, בערשטען און שטריקמאַכער-צעך אין טשענסטאכאוו.

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזערע פריינד ה׳ **שמואל קאַץ** און **פרוי** צוליעב׳ן טויט פון זייער ברודער און שוואָגער

משה נ״ע

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

יהושיע לענקינסקי און פרוי.

אונזער שוואָגער און שוועסטער **שמואל קאַץ** און **פרוי** צוליעב׳ן טויט פון זייער ברודער און שוואָגער

משה נ״ע

דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

ל. לענקינסקי און פרוי.

לכל אלה שהביעו לי את השתתפותם בצערי הגדול לרגלי מות אחותי

שרה רבקה סאלאמאנאוויץ נ״ע

הנני מביע להם בזה את תודתי העמוקה.

חיים ווצקסלער.

אונזער פערוואַלטונגס-מיטגליד פרל. **האַננאַ טריימאַן** דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל צוליעב׳ן טויט פון איהר פ א ט ע ר

הערשיל ז״ל

פערוואַלטונג פון י. ט. ס. פ. „מכבי".

טיעף ערשיטערט צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון אונזער לאַנגיעהריגען פערוואַלטונגס-מיטגליעד

משה קאַץ נ״ע

דריקען מיר אויס דער איבערגעבליבענער **פאַמיליע** ווי אויך אונזער חבר **ש. קאַץ** דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

פערוואַלטונג פון האַנדווערקער-פערבאַנד אין טשענסטאָכאָוו

- צווייטען שניידער-צעך (מאַגאַזין-שניידער)
- „ לעדער-צעך
- „ טישלער און דרעקסלער צעך
- „ פריזיר-צעך
- „ בעקער און צוקערבעקער צעך
- „ מעטאַל-צעך
- „ קירזשנער, קאַפעלושען און היטעלמאַכער-צעך
- „ בלעכער-צעך
- „ מאַלער, גלעזער און קאַפלאַזשעס-צעך
- „ טאַפעצירער, בערשטען, שטריקמאַכער-צעך
- „ צוקערבעקער און צוקערניקעס-צעך.

מיט טיעפען צער און וועהטאָג זענען מיר מודיע וועגען פריהצייטיגען טויט פון אונזער לאַנגיעהריגען פערוואלטונגס-מיטגליד און פאָד-סטארשי פון צעך

משה קאַץ נ״ע

און דריקען אויס דער איבערגעבליבענער **פ א מ י ל י ע** דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

יודישער שניידער-צעך אין טשענסט.

מיר נעמען אנטייל אין צער פון אונזער שעף ה׳ **שמואל קאַץ** און **פאמיליע** צוליעב׳ן טויט פון זיין ב ר ו ד ע ר

משה נ״ע

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

דאס פערסאָנאַל
פון דער פירמע **ש. קאַץ, אלעע 20.**

צוליעב׳ן טויט פון אונזער לאַנגיעהריגען פריינד

משה קאַץ נ״ע

דריקען מיר אויס דער איבערגעבליבענער **פאַמיליע** ווי אויך דעם ה׳ **ש. קאַץ** אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

דניאל דזיאלאָוויטש און **פאמיליע.**

צוליעב׳ן טויט פון אונזער לאַנגיעהריגען פריינד און חבר

משה קאַץ נ״ע

דריקען מיר אויס דער איבערגעבליבענער **פאַמיליע** ווי אויך דעם ה׳ **ש. קאַץ** אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

ישעיהו גראַנעק און **פאמיליע.**

א האַרציגען דאַנק

דריקען מיר אויס דעם טאַלאַנטפולען יונגען חזן ה׳ **אברהם סרעברניק** פאַר דעם עונג שבת, וואס ער האט אונז פערשאַפט מיט זיין מתיקות׳דיגען דאַווענען שבת מברכים, שבת חנוכה אין אונזער שוהל.

די גבאים, דאס קאָמיטעט און די **מתפללים** פון דער **שוהל „אהל - יעקב" אלעע 4.**

דאַנקזאַגונג.

כ׳געפין פאַר נויטיג צו דאַנקען עפענטליך דעם געעהרטען פרעזעס פון דער יודישער קהלה ה׳ **יעקב ראָזענבערג** ווי אויך דעם חשוב׳ן בן הרב שליט״א ה׳ **מענדיל אַש** צוליעב זייער ערפאָלגרייכער אינטערווענץ אין מיינס אַנ׳ענין.

אלי׳ אַלעבאַרדאַ

ערקלערונג.

דער סכסוך צווישען מיר מיט די ה״ה טשענסטאָכאָווסקי איז א דאַנק דעם עהרען-געריכט ביים האַנדווערקער-פערבאַנד, אלעע 12 ליקווידירט געוואָרען.

מיט אכטונג

יוסף ווילינגער.

איך בעט ענטשולדיגונג ביים בעקער-צעך פאַר מיין נישט-ריכטיגער האַנדלונג מיט 4 יאהר צוריק. אַלס חרטה גיב איך 10 זל.

ה. גאָטיינער

FARBIARNIA i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2

20 גר. קאָסט קראַגענס מיט לאַנג - דוויערענדען שפיגעל-גלאַנץ — 50 גר. קאָסט א העמד

איך נעמען מיר אָן **כעמיש** צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג.

ספעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס
2) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען).
אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן אָרט

Szkoła tańców

baletm. Kosteckiego

ul. Waszyngtona № 6.

Zapisy na kursy, lekcje pojedyńcze codziennie. Udzielam lekcji w zakładach naukowych i domach prywatnyc .

Ostatnie nowości.

אַכטונג: יעדען **שבת** קומט פאָר א פראַקטישע לעקציע פריוואַטע געזעלשאַפט. אָנהויב 8 אָוו. 1-קלאַסיגע מוזיק

אַכטונג פאַבריקאַנטען!

שטאַל - גראַווער

ספעציאַליסט פון שטאַנצען און פאָרמען אויך שטאַלענע שטעמפלען

S. WILINGER, grawer

Aleja Wolności 3/5.

פריינד **יעקב שיליט**
אינ׳ם צער צוליעב׳ן טויט פון אייער פ א ט ע ר

ניסן נ״ע

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל

חיים פיטעל און פרוי.

הרב נחום אש.

אם לא עכשיו אימתי!

שווערע און ביטערע צייטען לעבען מיר יודען איבער כמעט אויף דער גאַנצער וועלט. די איצטיגע תקופה האט נישט איהר גלייכען אין דער יודישער געשיכטע, און זי שטעלט אונזערע ברידער אין אַן׳אומערטרעגליכע און קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע. נחשבנו כצאן לטבח יובל — מיר זענען געגליכען, ווי שאָף, וואָס ווערען געפיהרט אין שחט-הויז. מיר שרייען, פּראָטעסטירען אומאויפהערליך — אָבער דאָס פעלקער-געוויסען געהט אריבער איבער אונזערע טרעהרען און וועה-געשרייען — צום טאָג-אָרדנונג.

פון צעהנדליגער ערטער טרייבט מען און אין קיין אָרט לאָזט מען אונז נישט אַריין. אונזערע בקשות צו פערשידענע מאכטען צו געבען אונז א רוהיג ווינקעל, א שטיקעל באָדען אונטער די פיס און א דאַך איבער׳ן קאָפּ — בלייבען אָהן ערפאָלג.

וואָס פינסטערער אָבער ס׳איז די נאַכט, אַלץ העלער ווערען די שטערען; וואָס חושכ׳דיגער און האָפנונגסלאָזער עס איז דאס יודישע לעבען אין גלות, אַלץ שענער לייכט אויף דער ליכטשטראהל פון דער יודישער האָפנונג אין ארץ-ישראל. טראָץ די פערשידענע מכשולים און אבני-נגף, וואס ווערען געלעגט אויף אונזער וועג, שאפט זיך אַ יודיש לאַנד. די אויגען און הערצער פון די געדרודפ׳טע און געפייניגטע יודען זענען געווענדעט צו דעם לאנד נאָך וועלכען זיי האבען קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו בענקען, וועלכעס זיי האבען קיינמאָל נישט פערגעסען.

דער שטורם און דראנג נאָך ארץ-ישראל האט דעריבער פערכאפט אלע שיכטען פון אונזער פאָלק. ארץ-ישראל האט אויפגעהערט צו זיין דאס אייגענטום פון וועלכער ס׳איז פארטיי און איז געוואָרען אַ בנין פון דער גאַנצער יודישער געמיינשאפט.

דאס לאַנד פון פערגאַנגענהייט און צוקונפט, דאס לאַנד, וועלכעס די ביזאיצטיגע איינוואוינער האבען פערוויסט און רואינירט, פערנאכלעסיגט און פערלאָזט; דאס לאַנד, וועלכעס קיין פרעמדע הענד זענען אין משך פון אונזער לאַנגען גלות נישט אימשטאנד געווען צו בויען, ווייל פרעמד איז פאר זיי די דאָרטיגע ערד און פרעמד זענען זיי פאר דעם הייליגען באָדען — אין אַט דעם דאָזיגען לאַנד ענטשטעהט איצט אַ ניי לעבען. ציגעל ביי ציגעל, שטיין ביי שטיין, ווערט דער חרוב׳ער יודישער בנין צוריק אויפגעבויט. זאָמדיגע מדבריות ווערען אומגעוואנדעלט אין פרוכטבארע וויינגערטנער, געמיינסטע זומפען — אין א בליהענד אקערלאנד; פון די וועגען און פעלדער הערען זיך יודישע געזאנגען. פון די שטעדט דערגעהט דער קלאפּ פון האמער, וואס שאפט און בויט דאס אַלט-ניי-לאַנד.

וואס אָבער ערמעגליכט דעם דאָזיגען ריזיגען אויפבוי-ווערק אין ארץ-ישראל? וואס פערברייטערט און פערגרעסערט דיווירטשאַפטליכע און קולטורעלע יסודות אין אונזער ארץ אבות? — דער קרן-היסוד, דער יודישער פינאנץ-אַפּאַראַט, וועלכער שאַפט א מעגליכקייט פאַר יודישער איינוואנדערונג און קומט מיט הילף די עולים דורך ראַט און טהאָט. מיט דער הילף פון קרן-היסוד זענען אין ארץ-ישראל געשאַפען געוואָרען די געהעריגע לעבענס-בעדינגונגען און עס זענען אויפגעבויט געוואָרען בליהענדע ישובים.

צי קענען מיר טשענסטאכאווער יודען שטעהן מיט פערלעגטע הענד פון דערווייטענס און נישט ענטגעגענקומען מיט קיין הילף אין דאָזיגען אויפבוי-ווערק פאַר אונז און פאַר די קינפטיגע דורות?

דריקט אַלזאָ אויס אייער אָנערקענונג און דאַנקבאַרקייט די בויער פון ארץ ישראל, אייערע בעפרייער, דורך בעטייליגען זיך אין דער יעצטיגער קרן-היסוד-אַקציע—מיט אַנ׳ערנסטען ווילען און ברייטער האַנד.

פערזוימט נישט דעם מאָמענט און העלפט בויען אונזער אַלטע היים פאַר אונז און אונזערע קינדער און עס וועט ערפולט ווערען אונזער ערוואַרטונג און האָפנונג אויף דער ענטגילטיגער גאולה: ושבו בנים לגבולם!

פון פרויען-פעראיין „עזרה".

בעת דער אדורכגעפיהרטער בעקליידאקציע איז געוואָרען געזאמעלט 123 שטיק וועש, 107 שטיק קליידונג, 61 פאָר שיך, וועלכע זענען פערטיילט געוואָרען אין די טעג פון 4 ביז׳ן 17 פ. ח. צווישען 83 בכבוד׳ע פאמיליעס, ווי אויך פאר די קינדער פון „מחזיקי הדת" און „טאָז".

דערביי דריקט אויס די פערוואַלטונג פון „עזרה" א הערצליכען דאנק אלע מנדבים, וועלכע האבען אנטייל גענומען און געשאָנקען פאר דער אַקציע.

פון דער יודענשטאַאַטס-פאַרטיי אין טשענסטאכאוו.

היינט פרייטאג פונקט. 8 אָוונד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל, אלטע 8 א שיחת-חברים.

זונטאג, דעם 5 יאַנואַר 1936 פונקט. 8 אָוונד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל א אויסערגעוועהנליכע פערזאַמלונג פון אלע חברים ות.

אלע חברים-ות ווערען אויפגעפאָדערט צו קומען פונקטליך.

נדבות פאַר דער געזעלשאַפט „תומכי-עניים".

ה׳ וואָלף נאָוואַק און פרוי צוליעב דעם גליקליכען געבורט פון זייער זוהן׳דעלע 20 קילאָ ברויט.

ה׳ קאָפּעל מיטעלמאַן און פרוי צוליעב זייער גאָלדענע חתונה 10 קילאָ ברויט.

ה׳ עליאָש אַלטער צוליעב זיין 70 יעהריגען געבורטס-טאג 10 קילאָ ברויט.

ה׳ גרשון פרעגער צו דער יאהרצייט פון זיין מוטער נ"ע 10 קילאָ ברויט.

ה׳ ישראל פרעגער צו דער יאהרצייט פון זיין מוטער נ"ע 10 קילאָ ברויט.

ה׳ יעקב רזאָנשינסקי און פרוי לאָדז צוליעב דער חתונה פון פרל. אוטשא וויינשטאָק מיט ה׳ העניעק מאַרקאָוויטש 10 קילאָ ברויט.

ה׳ יעקב רזאָנשינסקי און פרוי לאָדז צוליעב דער זילבערנער חתונה פון אונזערע פריינד טולקאָווסקי 10 קילאָ ברויט.

ה׳ מענדל ערליך און פרוי צוליב דער חתונה פון אונזער פריינד העניעק מאַרקאָוויטש מיט פרל. אוטשא וויינשטאָק 10 קילאָ ברויט.

ניי-יאָהר - וואונשען אין דער סטאַראָסטווע.

נעכטען, דעם 1-טען סטיטשען 1936 אינ׳ם טאָג פון ניי-יאָהר האבען זיך אין גרויסען זאַל פונ׳ם נייעם בנין פון דער ראַדאַ פּאָוויאַטאָווא פערזאַמעלט א גאַנצע רייהע דעלעגאַציעס, וועלכע האָבען אויף דער האַנד פונ׳ם סטאַראָסטע באַזילי ראַגאָווסקי בעלעגט ניי-יאָהר-וואונשען פאר דער רעפּובליק און פאר די העכסטע מלוכה-מענער.

אלס פאָרשטעהער פון דער קהלה האבען די וואונשען בעלעגט דער היגער רב ר׳ נחום אָש שליט"א מיט די קהלה-פּרעזעסען: יעקב ראָזענבערג און חיים וועקסלער.

אויך זענען געקומען בעלעגען זייערע וואונשען פאָרשטעהער פון די יודישע האַנדווערקער-צעכען מיט זייערע פאָהנען און דעלעגאַציעס פון אנדערע געזעלשאַפטען און פעראיינען.

מענדעלע מוכר - ספרים - אַקאַדעמיע.

מארגען, שבת, דעם 4-טען ד.ח. 8.30 אָוונד קומט פאר אין האנדווערקער-זאַל א טהעע אָוונד, פערבינדען מיט א מענדעלע-מוכר-ספרים-אַקאַדעמיע, איינגעאָרדענט דורכ׳ן היגען סניף פון ברית-עבודה מנורה מיט פאָלגענדען פּראָגראַם: 1) רעפעראַט פון מענדעלע׳ס לעבען און שאַפען, 2) לעבעדיגע צייטונג א. נ. „מנורה", געווידמעט דעם 100-יעהריגען געבורטסטאָג פון מענדעלע-מוכר-ספרים, 3) הומאָריסטישער טייל מיט׳ן אנטייל פון היגע ארטיסטישע קרעפטען.

איינגאַנג פאר מיטגלידער פון אלע גרופּירונגען ביי דער נ. צ. אָ. ווי אויך סימפּאַטיקער און געסט.

היינט, פרייטאג 8 אוועגד קומט פאר אין לאקאל פון ב"עם א שיחה א. ד. ט. „השכלה און אסימילאַציע". אלע חברים מוזען דורכאויס זיין אַנוועזענד.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון לעדער-צעך.

מאָרגען שבת פונקטליך 7 אָוונד (אין צווייטען טערמין) וועט פאָרקומען אין אייגענעם לאָקאַל אלטע 12 די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון לעדער-צעך מיט׳ן געהעריגען טאָג-אָרדנונג.

אלע מיטגלידער זענען מחויב צו זיין אנוועזענד.

פון געריכטס-וועזען.

דער אויספאָרשונגס-ריכטער מילער ווערט פונ׳ם 8 ד. ח. איבערגעטראָגען אין קרייז-געריכט אלס אורטיילענדער ריכטער. אויף זיין אַמט אלס אויספאָרשונגס-ריכטער איז געוואָרען דעלעגירט דער שטאָדטישער ריכטער ליזשיצקי.

די קרן - היסוד - אַקציע אין טשענסטאכאוו.

ווי בעוואוסט, ווילט אין צוזאמענהאנג מיט דער קרן-היסוד-אַקציע אין אונזער שטאדט, דער בעוואוסטער דיכטער, דירעקטאָר פון דער קרן-היסוד-צענטראַלע לייב יפה, וועלכער איז ארויסגעטרעטען נעכטען אָוונד מיט א גרויסען רעפעראָט אויף דער אַקאַדעמיע, אין זאַל פון קינאָ „לונאַ".

מאָרגען, שבת פריה, וועט ה׳ ל. יפה רעדען אין דער נייער שוהל בעת קריאת-התורה און אין אוונד וועט פאָרקומען א גרויסער באַנקעט, לכבוד דעם חשוב׳ן גאַסט אין זאַל פון די פייערלעשער.

זונטאג 8 אָ זייגער אָוונד וועט דיכטער לייב יפה האלטען א רעפעראט אין סוחרים-פעראיין א. ד. ט. „די עקאָנאָמישע סיטואַציע אין ארץ-ישראל" און מאנטאג אָוונד וועט פאָרקומען אַ פערזאמלונג פון עסקנים.

צוזאמען מיט ה׳ יפה זענען אויך געקומען קיין טשענסטאָכאָוו די דעלעגירטע פון צענטראַל-ביוראָ אין ווארשאָ ה"ה: נ. גערבאָווסקי און י. בראַם, וועלכע וועלען נאכ׳ן אוועקפאָהרען פון ה׳ יפה ווייטער פיהרען די קרן-היסוד-אַקציע אין אונזער שטאָדט.

Spółdzielczy
Bank Handlowo-Przemysłowy
z ogr. odp. Częstochowa N Rynek 4

ערלעדיגט אלערליי באַנק - אָפּעראַציעס און
האָט בעשטימט א ספּעציעלען פאָנד אויף
הלוואות פאַר האנדווערקער און קליינהענדלער

וואס ס׳איז געווען—וועט ווייטער זיין...

(אַביסעל נביאות אויפ׳ן נייעם יאהר)

באַלד אינדערפריה, צום בעגינען פון נייעם יאהר, האט מיר מיין שכן גרונם פלטיאל געמאַכט א וויזיט, כדי מיר אָנצווינשען „ז׳נאָווים ראָקיעם". האָב איך דאָך אויף איהם אויסגעשטעלט א פּאָר אויגען: ווי קומט דאָס צו אייך, דאַכט זיך, אז ביי אייך איז ראש-השנה ניי-יאהר. און נישט דער ערשטער סטישען. האט ער זיך צושמייכעלט און געענטפערט, אז לעולם איז ער נישט אויסען געווען די ווינשעוואַניע, כאָטש צוריק געשמועסט איז עס גאר נישט אזוי קרום, וואָרום, א סך שעהנע יודען זענען זיך גראָד משמח טאָקע נאָוויראָק, און אויך זיינע טעכטערלעך קומען ערשט צוריק פון סילוועסטער-באַל, וואו זיי האבען זיך געוויילט א גאַנצע נאַכט; נאָר אויב ער איז געקומען צו מיר באַלד ניי-יאהר אינדערפריה, איז עס כדי צו כאַפּען א שמועס וועגען דעם וואס איך טראַכט צו שרייבען בנוגע די פערספּעקטיווען, וואס שטעהן אונז פאָר אין קינפטיגען יאהר.

— אדרבה,—ווענדע איך זיך מיט א בעהאַלטענער פרייד צו מיין שכן—זאגט מיר עפּעס, איך דאַרף טאָקע אָנשרייבען א ניי-יאהר-פעליעטאָן און מעגליך וועט איהר מיר דערצעהלען אַזעלכעס, וואס קאָן דינען אלס א טעמא פאַר א פעליעטאָן.

— ניין, מיין ליבער—ענטפערט מיר גרונם פלטיאל—ליידער האָב איך אייך גאָרנישט צו דערצעהלען, ווייל אויב איהר ווילט האבען א טעמא אויף א פעליעטאָן, דאַרפט איהר זיך גארנישט אָנשטרענגען דעם קאָפּ: נעמט א פאַרייאָהריגע צייטונג, לייענט אַדורך, וואס איהר האט דאָן געשריבען, און איהר וועט זעהן, אז די גאַנצע נביאות, וועלכע איהר האט פאָרגעזאגט, איז מקוים געוואָרען איהר קענט דעריבער אויך היינט שרייבען דאס זעלבע ווייל —זאגט ווייטער מיין שכן—א כלל זאָלט איהר האבען, אז דאס וואס ס׳איז געווען, וועט ווייטער זיין.

פאָלג איך טאַקע די עצה פון מיין שכן און שרייב נאָך כמעט דאס זעלבע, וואס פאַר א יאהר.

און איצט זאָל מען זעהן, ווי אזוי דאס וועט אויסזעהן:

די פעלקער-ליגע וועט ווייטער זיין אַנ׳אָרט פאַר בטלנים, וואס וועלען זיך האַלטען אין איין מתוכח זיין וועגען פערשידענע וועלט-פּראָבלעמען, נאָר קיין דעצידירענדע בעשלוסען וועלען זיי קיינמאָל נישט אָננעמען.

די נירענבערגער געזעצען וועלען ווערען אויסגעטייטשט אזוי לאַנג, ביז זיי וועלען איינגאַנצען פערדרעהען די קעפּ פון איהרע געזעץ-געבער.

יודען וועלען האלטען אין איין שרייען, אז מען דאַרף באָיקאָטירען דייטשע סחורות, נאָר דערווייל וועלען זיי בשתיקה אַביסעל האַנדלען מיט דייטשלאַנד.

די אַביסיניש-איטאַליענישע מלחמה וועט אזוי לאַנג דויערען ביז איינער פון די צוויי צדדים וועט זיך מוזען אונטערגעבען. וועגען אָנוועגדען סאַנקציעס געגען איטאַליען וועט די פעלקער-ליגע ערשט בעשטימען אין 1937-טען יאהר...

יודען וועלען ווייטער פאהרען קיין ארץ ישראל, נאָר ענגלאַנד וועט וואס ווייטער אַלץ געבען ווייניגער סערטיפיקאטען.

„קרן היסוד"-און „קרן קימת"-פאָנדען וועלען אויך אין קינפטיגען יאהר נאָך עקזיסטירען.

דער טראַנספער וועט נאָך אַלץ געפינען ווער עס זאָל איהם פערטיידיגען.

די ענדעקישע צייטונגען וועלען ווייטער אָננעמען יודישע אַנאָנסען און דערביי פיהרען אַנ׳אַגיטאַציע, אז מען זאָל יודען באָיקאָטירען.

יודען וועלען ווייטער פּראָוון כאַאינקעס.

היי-יאהר וועלען פאָרקומען קהלה-וואַהלען, נאָר אויב ס׳וועלען זיך געפינען אַזעלכע, וואס וועלען איינגעהן ארויסצושטעלען זייערע קאַנדידאַטען אויף דאָזאָרעס איז שווער צו גלויבען.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס וועלען זיך ווייטער מעהרען, ווי שוואָמען נאָך א רעגען, און וועלען זיך אַרומרייסען, אַז אונזערע שונאים וועלען זיך אזש פרעהען.

די היגע מקוה וועט מען אויך אין קונפטיגען יאהר וועלען אויסשטעלען אויף אַ ליציטאַציע, נאָר אַז ס׳וועט זיין געלד וועט מען זי ווייטער אָבּראַטעווען, ביז מען וועט זי ווידער דאַרפען אויסשטעלען אויף אַ ליציטאַציע.

דאס יודישע שפיטאָל וועט זיך כסדר נויטיגען אין הילף און וועט האָבען צו איהר דיספּאָזיציע נאָך אָרימע קראַנקע.

דער „דאָבראָטשיננאָשטש" וועט יעדעס יאָהר האבען אַנ׳אלגעמיינע פערזאמלונג, אויף וועלכער עס וועט צופּעהלען איינער צו א מנין.

„בית-לחם" וועט ווייטער טיילען צוויי מאָל אין יאהר, אויב זיי וועלען נאָר האבען וואס צו פערטיילען.

די ווינקעל-שוחטים וועלען ווייטער זיין טעטיג און שחט׳ן אין די קעלערן, און גלייכצייטיג „בעזוכען" דעם קאָמיסאַריאַט.

„מלבוש ערומים" וועט ווייטער זאמלען געלד אויף שיכלעך פאר אָרימע יודישע קינדער.

„תומכי-עניים" וועט וועלען מאכען א קויהלען-אַקציע און פאקטיש וועט זי טיילען ברויט מיט חלות.

„לינת הצדק" וועט יעדעס יאהר מאכען א פערזאמלונג, אויף וועלכער מען וועט אַרומרעדען, וואס מען דאַרף אַלץ טהון פאר די אָרימע קראַנקע.

„טאָז" וועט דאס יאהר בענייען איהר טעטיגקייט צו היילען די נייע פאָרכעס, וואס האבען זיך אין משך פון דער לעצטער צייט שטאַרק מתרבה געווען.

דאס יודישע טעאַטער וועט ווייטער זיין גע-וגד און וועגען אַנ׳אייגענער געביידע וועט מען קענען גאַנץ דרייסט... חלומ׳ען.

די „לירא" וועט — עפּיס וועט זי דאך פאָרט וועלען טהון...

די יודישע געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט וועט דאס יאָהר פונקט אַזוי ווי דאס פוירינגע יאהר וועלען מאכען אויספלוגען, נאר נישט קאנען.

דער סוחרים-פעראיין וועט צונויפרופען אַנ׳אויסערגעוועהנליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג, כדי צו ראַטעווען דעם פעריין פון אונטערגאַנג.

די צוויי קליינהענדלער-פעראיינען וועלען ווייטער וועלען בעגליקען דאס אָרימע קליינהענדלערטום.

די האַנדווערקער וועלען נאָך אין יאָהר 1936 נישט וואוינען אין זייער... אייגענער געביידע.

חזן באדאש וועט — אויב ער וועט פאקטיש קומען צו פאָהרען — דאָ זיין, אַז נישט וועט ער פערבלייבען אין אפריקא.

די חסידישע טעכטער וועלען ווייטער נישט וועלען רעדען קיין יודיש וואָרט, נישט בעזוכען קיין יודישע אונטערנעמונגען און נישט לעזען קיין יודישע צייטונגען אַדער יודישע ליטעראַטור.

יודען וועלען אויך אין 1936-טען יאָהר נאָכמאַלפּעווען די נישט-יודען און זיך מאכען לעכערליך.

אין דער נייער שוהל וועט מען היי-יאָהר נישט בלויז רעפאָרמירען דאָס מזכיר-נשמות, נאָר אויך דאס דאווענען.

כ׳וואָלט נאָך געקאנט אויסרעכענען אַ גאַנצע רייהע אינסטיטוציעס און בעשטימען זייער צוקונפט, נאָר צו וואס זיך מטריח זיין, אַז איהר קאנט עס זיך אַליין משער זיין, ווייל קיין נייעס וועט נישט זיין, נאָר אַזוי ווי ס׳איז געווען אַמאָל, אַזוי וועט ווייטער זיין...

סמאָל.

מענדעלע מוכר ספרים.

(צום 100-טען געבורטס-טאג)

דערצעהלט בקיצור פון זיידענ'ס אייניקעל.

— א. —

שלום יעקב אבראמאוויטש, דער אונטער'ן פסעוודאנים מענדעלע מוכר ספרים וועלט-בעריהמטער יודישער שרייבער, איז געקומען אויף דער וועלט אין דעם קליינעם ארימען ליטווישען שטעדטיל קאפוליע, סלוצקער אויעזד, מינסקער גובערניע, דאס איז געווען קליין-קאבצאנסק, דאס פערקלענערטע בילד פון דעם גרויסען כלל-ישראל קאבצאנסק, וואס ער האט נאכדעם געשילדערט אויף אזא אומפערגלייכליכען אופן אין זיינע ווערק.

ווען ער איז געבוירען געווארען — האט מען געווי נישט פעסטגעשטעלט. נאר עס איז אנגענומען געווארען, לויט זיינע אייגענע אויסרעכנונגען, אז ער האט דערזעהן דאס ליכט פון דער וועלט דעם 20 דעצעמבער 1835, תקצ"ו (1 יאנואר 1836 לויט'ן נייעם סטיל).

שלום יעקב איז אויפגעוואקסען אין א פרומען זעהר בכבוד'ען יודישען הויז. זיין פאטער ר' משה חיים (ער האט נאכדעם געגעבען א ריהרענד-כאראקטער-בילד פון איהם אין זיין פארטרעפליכען אויטאביאגראפישען ראמאן „שלמה ר' חיים'ס") איז געווען איינער פון די שענסטע בעלי בתים פון שטעדטיל אנ'עהרליכער יוד, א למדן, וועלכער פלעגט זאגען אפט א שיעור גמרא מיט פוסקים פאר יונגע לייט, דערביי זיך געמישט אין כלל-ענינים, געווען א פאר יאהר א „קאזיאנע" ראבינער אהן שכירות און — געהאלטען די פלייש-טאקסע וואס איז געווען אין יענער צייט איינע פון די יודישע פרנסות.

די מוטער זיינע שרה-נעמי, איז געווען א טיפ פון א פרומער יודענע, א וואוילקענענדיגער, ווי פאר יענער צייט, בעהאווענט אין „צאינה-וראינה", אין מוסר ספרים, אין תחינות און תפילות. אזוי אז די אטמאספערע אין זיינע עלטערנס הויז איז געווען דורך און דורך אנגעזאפט מיט פרומער יודישקייט און מיט יודישער גייסטיגקייט.

ווי עס זעהט אויס, האט דער עיקר דער פאטער געהאט אויף איהם א גרויסע ווירקונג. שלום יעקב איז געווען א זעהר געראטען קינד און האט געהאט א שארף קעפעל. דאס האט מען שוין געזעהן ווען ער האט נאך געלערנט חומש און פסוק. ווען עס איז געקומען צו גמרא לערנען, האט איהם דער פאטער אבגעגעבען צום בעסטען גמרא-מלמד ר' יוסי ראובנס (אין „שלמה ר' חיים'ס" שילדערט ער איהם אונטער'ן נאמען ליפא ראובנ'ס מיט גרויס ליבשאפט). דער דאזיגער מלמד איז געווען א ליבער מענש. א מוג טוב, ווי מ'זאגט; א חוץ דעם איז ער געווען דורך-און-דורך א קינסטלערישע נאטור, ער האט געקענט מאלען, שניצען אויף האלץ און מעטאל און שרייבען שעהן. אויף זיין תלמיד האט ער געהאט א בעדייטענדע השפעה, וועקענדיג אין איהם זיין קינסטלערישען חוש און דאס געפיהל פאר דאס שעהנע און עסטעטישע,

ווען יוסי ראובנ'ס אלס גמרא-מלמד איז שוין געווארען צו קליין פאר איהם האט דער פאטער אליין מיט איהם געלערנט א געוויסע צייט. שלום יעקב איז געווען א גרויסער מתמיד, מיט דער צייט אבער איז איהם ענג געווארען אין זיין קליין וועלטעלע, אין קלויז און אין דער היים. ער האט געלעכצט נאך א ביסעל פרייהייט. און אזוי פלעגט ער זיך ארויסגנבענען פון דער היים און אוועקגעהן הינטער דער שטאדט, וואו ער האט געהאט פאר זיך פעלדער און וועלדער און בערג און טאלען, און דארט פלעגט ער געניסען די „שעהנע נאטור" וואס ער האט נאכדעם אזוי מייסטערליך געשילדערט.

ער האט אנגעהויבען אנדערש צו דענקען, אנדערש צו פיהלען.

דערווייל זענען געקומען שלעכטע צייטען, דער פאטער איז פארימט געווארען און איז פון עגמת נפש געשטארבען, איבערלאזענדיג א אלמנה מיט יתומים אין דער גרעסטער נויט.

שלום יעקב איז נאך דעמאלט קיין גאנצע 14 יאהר נישט אלט געווען, און אט אין דעם עלטער איז ער געווארען א נע-ונדניק, עס האבען זיך אנגעהויבען זיינע וואנדערונגען, זיין ארומבלאנקען זיך און ארומוואלגערען זיך אין דער פרעמד, אין פערשידענע שטעדט צווישען פערשידענע מענשען, וועלכע האבען איהם נאכדעם געגעבען דעם רייכען שטאף פאר זיינע גענגיאלע קינסטלערישע שילדערונגען פון יודישען לעבען.

— ב. —

שלום יעקב'ס אפיטרופסים, זיינע קרובים שיקען איהם אוועק אין א ישיבה קיין טישקעוויטש, דא דערפיהלט ער דער טעם פון „עסען טעג", דא בעגעגענט ער זיך אויך צום ערשטען מאל מיט חסידים, וועלכע ער האט פריהער קיינמאל נישט געזעהן אין מתנגדישען קאפוליע, און נאר געהערט וועגען זיי, אז זיי זענען עפעס משונהדיג ווילדע ברואים. איהם געפעלען זיי דוקא, עס געפעלט איהם זייער התלהבות, זייער גאנצע הנהגה.

פון ט. ווערט ער מגולגל קיין סלוצק, פון דארט אין אנדערע ישיבות, ביז ער ווערט שליסליך ארויסגערופען קיין ווילנא, דורך זיינעם א רייכען קרוב נחום חיים ברוידע, אבער ער האלט נישט אויס אין דער פרעמד, עס ציהט איהם ווי מיט צוואנגען צוריק אהיים.

ער פאהרט אוועק צוריק קיין קאפוליע, פאר דער צייט האט דערווייל זיין מוטער, די אלמנה, צוט צווייטען מאל חתונה געהאט מיט אנ'ארענדאר א ישובניק, וועלכער האט געהאט א מיהל אין דארף מעלניקי א צעהן קילאמעטער פון קאפוליע.

שלום יעקב דרעהט זיך ארום אין קאפוליע א עלענדער און האט אפילו נישט וואו דעם קאפ אוועקצולעגען. ער דערפרעהט זיך דעריבער ווען דער שטיף-פאטער לעגט איהם פאר זיך אריבערצוקלויבען אין דארף אריין און דארט לערנען מיט זיינע שטיף-ברידער.

דא, אין מעלניקי נאהנט צו דער פרייער שעהנער נאטור, פיהלט ער זיך זעהר גוט, עס דערוועקט זיך אין איהם דאס פאעטישע געפיהל, ער שרייבט אן א נאאיווע אומבעהאלפענע אלעגארישע דראמע און איינגע ליבע-געזאנגען אויפ'ן ארט פון „ברכי נפשי" אבער אויך אין דארף קען ער לאנג נישט אויסהאלטען. עס ציהט איהם צוריק קיין קאפוליע אין בית-מדרש אריין, צו דעם שאנק מיט ספרים.

און אזוי ארומוואנדערענדיג איז ער דערווייל אלט געווארען 17 יאהר. מ'מוז קלערען וועגען א תכלית.

אין יענער צייט גראדע, האט זיך בעוויזען אין קאפולע א געוועזענער איינוואוינער פון דעם דאזיגען שטעדטיל א שנארער, א „מדינה-געהער", אברהמ'ל דער הינקענדיגער, וועלכער איז ארומגעפאהרען א לאנגע צייט אויף אנ'אייגען פערד און וועגעלע איבער וואלין און אנדערע געגענדען און האט געגומען דערצעהלען נסים ונפלאות וועגען די דאזיגע מקומות, דערהויפט וועגען וואלין, אז דאס איז א „מדינה" וואו עס פליסט ממש מילך און האניג. עס האט זיך איהם איינגעגעבען איינצורעדען שלום יעקב'ס מוהמע, אנ'עגונה, אז ער האט ערגיץ געטראפען איהר מאן און אז אויב זי וועט מיטפאהרען מיט איהם, וועט זי איהם זיכער „פאקען"; און שלום יעקב'ן אליין האט ער איינגערעדט, אז אין יענע ערטער זענען כמעט אלע גוויסע עמארצים, און ער, דער עילוי, וועט דעריבער דארט מאכען גאלדענע געשעפטען אלס „בוכהאלטער" אדער לעהרער.

אזוי האט זיי ר' אברהמ'ל אריינגעקריגען, זיין אמת'ע כוונה איז געווען: דעם געראטענעם בחור ערגיץ חתונה צו מאכען פאר א גביר'ס א טאכטער און אבנעמען פאר איהם שדכנות-געלד; און פאר „דער וויסטער עגונה" האט ער סתם געקענט קלויבען נדבות. ער האט טאקע אזוי געטהון. זיי האבען זיך אוועקגעלאזט אויף א צעטרייסעלטען וועגעלע מיט א אויסגעמאטערט פערדעל (אט דאס פערדעל האט אבראמאוויטש'ן געבראכט אויפ'ן געדאנק צו שרייבען זיין „קליאטשע"). האכען און וואכען האבען זיי זיך ארומגעשלעפט איבער ליטא און וואלין. זיי זענען אויסגעשטאנען דעם אמת'ן חיבוט הקבר. דערהויפט איז אבראמאוויטש פערשוואַרצט און אויסגעריסען געווארען.

אין קאמענעץ פאדאלסק איז ער אנטלאפען פון אברהמ'לען, דא האט ער געקריגען לעקציעס, האט אויפגעהערט צו הונגערן און זיך גענומען שטודירען. אין ק.-פ. האט ער זיך בעקענט מיט דעם בעוואוסטען העברעאיש-יודישען שריפטשטעלער א. ב. גאטלאבער, וועלכער האט זעהר פיעל געמהון פאר איהם. דא האט ער אויך חתונה געהאט מיט א גביר'ס א טאכטער, אבער זיי זענען נישט געווען קיין גלייך פארל, און ער האט זיך גע'גט מיט איהר.

נאכדעם ווי ער האט דא אויסגעהאלטען דעם עקזאמען און איז געווארען א לעהרער פון א רעגירונגס-שול, האט ער זיך אנגעהויבען פערנעמען מיט ליטעראַרישער ארבייט. זיין ערשטער ארטיקעל, וועלכען ער האט פערעפענטליכט אין העברעאישען „המגיד" אין יאהר 1856 האט געהייסען „מכתב על דבר החנוך" (א בריוו וועגען דערציהונג). דער ארטיקעל איז געווען געשריבען אין א גלאטער, ריינער און לעבעדיגער שפראך, אהן מליצות און האט צוגעצויגען אויף זיך די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט, מ'האט געוואלט אבראמאוויטש'ן פערשאפען א רעגירונגס-סיבסידיע, בכדי ער זאל קענען פאהרען קיין אויסלאנד שטודירען אין א סעמינאריע, אבער עס איז נישט געקומען דערצו.

אין יאהר 1858 איז ער אוועק פון קאמענעץ קיין בערדיטשעוו וואו ער האט זיך בעזעצט און גענומען א צווייטע פרוי, די טאכטער פון א יודישען נאטאריוס (רעיענט) זלמן לעווין, וועלכע איז איהם געווען א געטרייע לעבענס-בעגלייטערין ביז צום סוף פון זיינע יאהרען.

(ענדע קומט).

מיצקעוויטש און זיין יודישער שניידער.

יעקב קלייטלער, א יוד, א שניידער פון קראקאווער פאוויאט, האט זיך אין פויריגען יאהר-הונדערט אריבערגעפעקעלט נאך פאריז.

צווישען די קונדען פון יודישען שניידער האט זיך אויך געפונען דער פוילישער דיכטער אדאם מיצקיעוויטש. און עס איז ווירקליך זעהר אינטערעסאנט צו וויסען מיט וואס פאר א פריינדשאפטס-געפיהלען עס האט זיך בעצויגען דער דיכטער מיט זיין פרוי צום יודישען שניידער.

יעקב קלייטלער בעצייכענט מיצקיעוויטש'ן אלס זיין אפיקון און וואוילטעטער, אהן איהם וואלט ער פערלוירען געגאנגען, ער איז פאר איהם געווען האניג און באלזאם, ער האט איהם פערזיכערט הילף מצד דער „וואוילטעטיגער געזעלשאפט פון פוילישע דאמען".

אין די שווערסטע מאמענטען פאר'ן דיכטער, ווען ער אליין האט זיך געפונען אין נויט, האט ער דעם שניידער נישט איבערגעלאזט אהן הילף.

ווען דער שניידער אדער זיין ווייב איז געווען קראנק האט מיצקיעוויטש און זיין פרוי איהם בעזוכט. נישט איינמאל האט דער מחבר פון „פאן טאדעאוש" ארויסגענומען פון זיין פאלטען א פלאש וויין און זיין פרוי האט מיטגעברענגט א טעפעל זופ.

פאר זיין ארבייט האט איהם מיצקיעוויטש שטענדיג בעצאהלט מעהר, וויפיעל דער שניידער האט פערלאנגט. ווען די ארבייט האט בעטראפען צוויי פראנק, האט דער דיכטער איהם געגעבען צוועלף. נעהם יענקל — האט ער געזאגט — צעהן פראנק וועט זיין אויף ברויט און צוויי אויף טאבאק.

ווען קלייטלער האט איהם אבגעברענגט די ארבייט, האט דער דיכטער איהם פערהאלטען אויף א געשפרעך און געבעטען איהם דערצעהלען וועגען זיין געבורטס-שטעדטיל, וועגען די יודען און אויך וועגען רב, וועלכער איז געווען א גרויסער תלמיד-חכם; דער דיכטער איז געווען דערפון זעהר צופרידען, אויסהערענדיג דאס אלץ מיט א גרויסען אינטערעס.

אויף פסח פלעגט דער שניידער שיקען מיצקיעוויטש'ן מצות, וועלכע ער האט צוטיילט זיינע קינדער, ערקלערענדיג זיי, אז ווען ער איז געווען יונג און געוואוינט אין ליטע, האט דער ארענדאר זיין פאמיליע יעדעס יאהר געשיקט מצות מיט קוגעל...

זעהר אפט פלעגט מען דעם שניידער'ס פרוי רופען אין דעם דיכטער'ס הויז, כדי צו קאכען „יודישע פיש". דער דיכטער האט דאס מאכל זעהר ליעב געהאט און דערפאר אויך בעלוינט די שניידערין מיט א פאר פראנק.

יעקב קלייטלער האט ביי יעדער געלעגענהייט מיט בעוואונדערונג און גרעסטען דרך-ארץ גערעדט וועגען מיצקיעוויטש'ן.

דער דאזיגער פאקט, וואס איז גענומען פון טאג-טעגליכען לעבען, ווארפט א בעזונדערן ליכט-שיין אויף דער איידעלער נשמה פון דער געוויסענס-פערקערפערונג פון פוילישען פאלק און גיט צו מעהר חשיבות דעם גייסטיגען ריז פאר דעם סענטימענט צום ארימען יודישען שניידער, דעם פראסטאק.

מיר עהרען אין מיצקיעוויטש'ן די איידעלקייט, די מאכט פון געדאנק, דאס ליכט פון זיין זשעני, דעם הייליגען גייסט, דאס אלץ האט יעקב קלייטלער, וועלכער האט קיין צוויי שורות פון דיכטער נישט אדורכגעלעזען — נישט געקענט פערשטעהן און אבשאצען, טראץ דעם האט ער איהם געעהרט און ליעב געהאט, דען אין דער רייכער נשמה פון דיכטער, זענען נאך געווען אנדערע טייערע אייגענשאפטען— פערעלדיגע מענשליכע געפיהלען און אויסערגעווענליכע גוטסקייט, מיט וועלכע ער האט אפענהערציג בעשאנקען ארימע נשמות; ער האט אין זיך געהאט „א ים פון זיסקייט און אלמענשליכער ליבע", אזוי ווי עס בעצייכענט דאס פראפ. קאלענבאך אין זיין ווערק וועגען דיכטער.

ל. קאפינסקי.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

1936

אזוי רוקט זיך א יאהר נאך א יאהר אין דער ווייטערער אייביגקייט. ווי לאנג איז ווי מיר זענען נאך געווען יונג, אנגעפולט מיט האפנונגען; מיט יעדען יאהר אבער וואס געהט אוועק, ווערט אבגעריסען א שטיקעל האפנונג, ווערען אויסגעלאשען געגארטע יוגענד-חלומות...

נאר צו-וואס זיך פערנעמען מיט פעסימיסטישע פילאזאפיע—דאס איז אנ'עסק פאר בטלנים און דענקער. מיר וועלען זיך בעסער האלטען ביי אונזער ליניע און זאגען א פאר ווערטער אויף אונזער שטייגער וועגען דעם ניי-יאהר, וואס מיר האבען ערשט געפראוועט און איהם א נאמען געגעבען 1936.

דאס ניי-יאהר 1936 איז אין געגענזאץ צו אלע פריהערדיגע ניי-יאהרען א ביסעל ווייניגער געפייערט געווארען פון יודען, וועלכע האבען געהאלטען סילוועסטער פאר אנ'עכט-יודישען יום טוב. ס'איז זאגאר ארומגעגאנגען א ווערטיל, אז סילוועסטער איז געווען דער נאמען פון א יודען, און אויף זיין נאמען האט מען א נאמען געגעבען די ניי-יאהר פייערונגען סילוועסטער...

דעם עכטען סילוועסטער-יום-טוב האט געפייערט די יודישע אפערעטען-טרופע אין זאל פון די פייערלעשער מיט אנ'אינהאלטסרייכען פראגראם און עס איז דארט באמת געווען ליהודים.

אין דאזיגען יאהר 1936 ווערט דער 15-יעהריגער יובל זייט אונזער צייטונג ערשיינט. ווער עס איז בעקאנט מיט'ן צייטונגס-וועזען, איבערהויפט אויף דער פראווינץ, וועט האבען אנ'אהנונג וואס דאס הייסט ארויסגעבען א פראווינצער יודישע צייטונג.

עס איז באמת נישט מעגליך צו שילדערן כאטש א מינימום פון די צרות, עגמת נפש'ן און יסורים, וואס די ארויסגעבער און שרייבער ליידען זיך אן. די טויזענדער פרעטענציעס פון די לעזער און נאכמעהר פון די נישט-לעזער, די טענות און פאדערונגען, און ווען מען האלט עס פארט אויס—און מען קאן זיך נאך דערהאלטען ביים גלייכגעוויכט, מוז מען זיין שטארקער פון אייזען.

אייגענטליך דאטירט זיך אונזער אויסגאבע מיט א סך יאהר פריהער, אויב כ'האב נישט קיין טעות פון 1911-טען יאהר, אזוי אז היי-יאהר ווערט 25 יאהר זינט עס איז ערשינען די ערשטע יודישע צייטונג ביי אונז אין שטאדט און דאס אין דעמזעלבען פערלאג פון דער פירמע באטשאן. און נישט קוקענדיג אויף די פערשידענע איבער-קעהרענישען און ענדערונגען, וואס זענען אין משך פון די 25 יאהר פארגעקומען, האט נישט געהאט קיין ווירקונג, אז מיר זאלען אראב פון דער גלייכער ליניע. אונזער צייטונג האט פון ערשטען טאג אן פון איהר ערשיינען געהאט א פאזיטיווע שטעלונג צו אלע נאציאנאלע פראגען פון יודישען לעבען, הן אין גלות, הן צו דער אויפלעבונג פון יודען אין ארץ ישראל. עס האבען נישט געהאלפען די בעמיהונגען פון פערשידענע פעראינטערעסירטע פערזאנען אדער גרופען אונז צו פערשרייען—מיר געהען אונזער אויסגעטרעטענעם וועג, אויפצוּוועקען די יודישע מאסען צו א ניי געזונד נאציאנאלען לעבען בכל מקומות מושבותיהם, און דער עיקר—אין אונזער אלט-ניי-היימלאנד ארץ ישראל.

איצט, ווען מיר טרעטען אריין אין 15-טען יאהר-גאנג פון דער „טשענסטאכאווער צייטונג און 25 יאהר פון אונזער פערלאג, זענען מיר פול מיט בטחון, אז מיר וועלען ווייטער דיענען מיט אונזער פעדער די אינטערעסען פון יודישען כלל און בפרט די אינטערעסען פון יודישען טשענסטאכאוו.

מיר האבען א דאפעלטען יובל פון אונזער צייטונג, וואס דאטירט זיך מיט'ן אנהויב פון יאהר 1936.

דאס ניינטע חנוכה-ליכטעל...

אזא גערעטעניש אויף חנוכה-אווענדען, ווי עס איז געוועזען היי-יאהר איז שוין לאנג נישט געווען. אמת, קיין עפענטליכע חנוכה-פייערליכקייטען זענען נישט פארגעקומען, דערפאר אבער זענען געפייערט געווארען חנוכה אווענדען אינערהאלב די ארגאניזאציעס און פעראיינען.

איך האב זיך נישט פערצייכענט גענוי אלע חנוכה-אווענדען, וואו מיר איז אויסגעקומען צו זיין אנוועזענד, נאר ווען כ'זאל אפילו בלויז אויסרעכענען דאס, וואס איך געדענק אויפ'ן קאפ, וועט עס אויך זיין א היבשער צעטיל.

עס דארפען צווישען אנדערע דערמאנט ווערען דער גראנדיעזער חנוכה-אווענד אין דער שולע פון ה' וויינבערג, אין דער יוגענד-ארגאניזאציע „עקיבא", וועלכע האט געהאט א דריי שעה'דיגען פראגראם. ביי די קאמבאטאנטען, וועלכע האבען איינגעלאדען די סמעטענע פון דער שטאדט מיט'ן אנטייל פון נייאנגאזשירטען קאנטאר ה' פינקעלשטיין, און ביי דער געלעגענהייט זענען געטיילט געווארען צוקערלעך די גרויסע צאהל קינדערלעך, אהן עין-הרע, וועלכע האבען זיך צונויפגעזאמעלט גאס ווייסט פון וואנען- דאן א רייהע חנוכה-אווענדען ביי די פאליטישע ארגאניזאציעס און אזוו, אזוו.

דער עולם האט זיך אזוי אריינגעלאזט אין די חנוכה-פייערליכקייטען, אז מאנכע האבען זאגאר איינגעארדענט חנוכה-אווענדען נישט בלויז צו די 8 טעג חנוכה, נאר אפילו ווען ס'איז שוין געווען אויס חנוכה. אזוי למשל, האט די גמילת-חסד-קאסע אגיראדאווע 6 איינגעארדענט איהר חנוכה-

ד״ר ע. אולסוואנגער

אָפענער בריעף צו א אונבעקאַנטער יוד. פרוי.

חשובע פרוי,

מיט א צייט צוריק האט איינער פון מיינע פריינד בעזוכט אייער הויז און פערלאַנגט פון אייער מאַן אַ בייטראג פאר׳ן קרן היסוד. אייער מאַן איז גרייט געווען דאס צו טהון אָבער ווען ער האט געפרעגט אייער עצה, האט איהר אויסגערופען: „אַבסאָלוט ניין!"

איך וואלט עס נישט געגלויבט, ווען איך וואָלט עס נישט געהערט מיט מיינע אייגענע אויערן פון מיין פריינד. גאָט אין הימעל! ווי האט איהר געקענט ארויסריידען אַזעלכע ווערטער? צו ווייסט איהר אנטקעגען וועמען דער „אַבסאָלוט ניין" איז געריכטעט?

דאָרט אין ארץ ישראל בליהט און וואקסט אַ ניי לעבען. מענשען וועלכע זענען ענטלאָפען פון עלענד און נויט, פון טויט און פערצווייפלונג, זענען גע-גאַנגען אַהין און האבען פערוואנדעלט טויזענדער קוואדראט-קילאָמעטער פון וויסטענישען און זומפען אין בליהענ-דע טאלען, שמעקענדיגע אָראַנזשען — גערטנער, פרעכטיגע שטעדט. זיי האַ-בען געראטעוועט זיך אַליין און האבען מעגליך געמאכט אנ׳עליה פאר נאָך הונדערטער און טויזענדער, וועלכע ליידען הונגער און נויט אין די גלות-לענדער און וועמען אַזא גורל דראהט אפשר מאָרגען.

טויזענדער און הונדערטער טויזענ-דער ווארטען מיט אונגעדולד אויפ׳ן טאג פון זייער עליה. צי קענט איהר זיי נישט? צי זעהט איהר זיי נישט? מען דאַרף נישט ווייט זוכען. מיט דעם אויסדרוק פון שמערץ אין זייערע בליי-כע פנים׳ער און מיט א פונק פון האָפ-נונג אין זייערע אויגען שטעהען זיי פאַר אייער טהיר און רופען אייך אויף מיטצואַרבייטען. אַנשטאָט זיך צו פיה-לען בעעהרט מיט דער מעגליכקייט צו נעמען א אנטייל אין אַזאַ גרויסען ווערק, ערלויבט איהר זיך צו שליידערן די טהיר זיי אין פנים און זיי אָנצו-שרייען מיט די אכזריות׳דיגע ווערטער: „אבסאָלוט ניין", ניין חשוב׳ע פרוי איך בין איבערצייגט, אז איהר האט נישט געוואוסט געגען וועמען די ווער-טער זענען געווענדעט.

איך האָב נישט דעם כבוד אייך פערזענליך צו קענען, אויב אָבער איך האָב קיין טעות נישט, האָב איך גע-האָט דעם זכות צו קענען אייער זיי-דען. נאָך שטעהט פאַר מיינע אויגען יענער שניי-ווייסער זקן: דער צלם אלוהים אויפ׳ן שטערן און גאָטס-וואָרט און גאָטס געבאָט איינגעקריצט אויף די טאָוולען פון זיין הארץ. איין שטומער אידעאַל האט געלעבט אין זיין נשמה: די אויפלעבונג פון פאָלק ישראל אין ארץ ישראל, פאַר דעם אידעאַל האט ער געליטען, דער אידעאַל האט איהם דערלייכטערט זיין דאָרנען-וועג האט דערפולט זיין האַרץ מיט גאוה, מיט שמאַלץ, האט פערליהען גלאַנץ זיינע אויגען און האט צוגעגעבען צו זיין ליבע צו אייך יענע ענדלאָזע ווארימ-קייט, וועלכע איז אזוי כאַראַקטעריס-טיש געווען פאַר זיין נאָנצען וועזען. ער האט געגלויבט, אז די בענקעניש פון הונדערטער דורות ציהען זיך נאָך און זיין פעלזען-פעסטער גלויבען אין דעם נצחון פון גערעכטיגקייט וועלען געפינען זייער המשך אין אייך. און אין זיינע טעגליכע תפלות האט ער פעראייניגט די תפלה פאַר דער גאולה מיט דעם געבעט פאַר אייער געזונד און גליק. און איצט קומט זיין גייסט צו אייך און רעדט צו אייך: „מיין קינד, וואס מיר איז נישט מעגליך גע-ווען צו טהון דאס איז פאַר דיר מעג-ליך. דאס אויף וואס אונזער פאָלק האט געוואָרט גאַנצע דורות, פאַר וואס ער האט געליטען, פאַר וואס ער האט מתפלל געווען, איז געווארען א וויר-קליכקייט. איך בעט דיך שטעה נישט צוריק און העלף מיט. מאַך מיר מעג-ליך, אז איך זאָל מיט דיין מיטארבייט האבען א חלק אין דעם געבענשטען ווערק".

און איהר האט דעם מוט, האט די העזה צוצושלאגען די טהיר פאַר דעם גייסט און אויסצורופען „אַבסאָלוט ניין". זייט מיר מוחל מיין טייערע שוועסטער איך קען אייך דאָך נישט, אָבער איך קען אייער קינד און איך האָב עס ליעב, אין דער ווייטענס ציהען זיך צוזאַמען וואָלקענס. אפשר וועט אויס-ברעכען א שטורם. מיר, וועלכע מיר ארבייטען פאַר ארץ ישראל בויען א זיכערע היים פאַר אייער קינד. דאס קינד זעהט און פערשטעהט א סך מעהר איידער די בעזאָרגטע מוטער גלויבט. עס קומט צו אייך אין פער-טרויען, לייגט זיין קאָפּ אויף אייער שויס און זאגט. אונטער טרעהרען מאַ-מע; איך האָב מורא, העלף מיר! און די מוטער שטויסט אוועק דעם קליינעם מלאך פון זיך און זאגט אהן רחמנות „אַבסאָלוט ניין";

פאַר מיין קינד ווי פאַר אייער קינד זענען פערהאַן צוויי וועגען פאַר דער צוקונפט; אָדער דאס לעבען פון גע-דריקטע און פערפאָלגטע מענשען. אין בעסטען פאַל פון געדולדעטע מענשען, אָדער דאס לעבען פון מענשען, וועלכע זענען פריי און שטאָלץ אַלס קינדער פון א פאָלק וועלכער פערשטעהט זיך צו עראָבערן רעספעקט און אַכטונג פון דער וועלט אַ דאַנק זיינע געוואַלטיגע שאַפונגען אויף אַלע קולטור-געביטען. מיר ווענדען זיך צו אייך און בעטען אייך: העלפט אונז ארויספיהרען דאס פאָלק פון קנעכטשאַפט און עס אריינ-צופיהרען אין א ליכטיגע צוקונפט. און איהר קענט אָהן א ביסעלע פערשטענ-דניס אונז אָנווייזען מיט א „אַבסאָלוט ניין".

איך רוף אייך, אונבעקאַנטע שוועס-טער זיך צו דערווייטערן פון דער גע-זעלשאַפט פון צינישע מענשען, וועלכע קענען נישט איינאָטעמען דעם אָטעם-צוג פון דער געשיכטע און צו געהן אויף אונזער וועג. ער איז אונז א בי-סעל טייערער אַ ביסעל שווערער, אָבער געוויס שענער און איידעלער און געוויס מעהר צוגעפאסט צו אייער איידעלער נשמה.

מיט א ברידערליכען גרוס אייער ערגעבענער

ד״ר ע. אולסוואנגער.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

מ. יאַסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאָפּעלושאַרניע)

אונטער דער לייטונג פון אַנ׳אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין ווארשא מיט לאַנג-יעהריגער פראַקטיק

ספּעציאַליטעט:

1) פאַרבען לויט מוסטערן.
2) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ׳ן אָרט).
3) כעמיש רייניגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושן.
4) וואַשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

די פרייזען בעדייטענד ערנידריגט.

ווי אזוי איז נולד געוואָרען דאס קינאָ?

פון ז. האַבער וויען-פאַריז.

נישט פערהאַנען היינט קיין איין דאָרף אין דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט, וואס זאל נישט פערמאגען אַנ׳אייגען קינאָ. אפילו נישט קולטיווירטע פעלקער, וואס פערמאגען נישט קיין שום מאָדער-נע איינריכטונגען, פערטרייבען זיך די צייט אין קינאָ.

אויף דער פראַגער מעסע וועט מען איצט קענען זעהן א גאנץ געטריי בילד, ווי אזוי דאס קינאָ האט זיך אָנגעהוי-בען און וועלכע צרות ס׳האט דורכגע-מאכט, ביז ס׳האט דערגרייכט די היינ-טיגע מדריגה. קיין שום ערפינדונג האט נישט געמאכט אזא רעש אין דער גאַנ-צער וועלט, ווי גראַד דאס קינאָ.

ווער האט דאס קינאָ ערפונדען? און ווי אזוי איז עס נולד געווארען? דערויף ענטפערט עדיזאָן, אז מעסטען אין זיין ווערק „צרות פון אַנ׳ערפינדער", וואס איז איצט ארויס פון דרוק.

לואי לומיער, א קליינער פאָטאָגראַף פון בעזאנסאָן, נישט ווייט פון ליאָן, האט ארויסגעבראַכט, אז צום פאטאגראַ-פירען בענויטיגט מען נישט קיין צעהן מינוט, ווי מ׳האָט דעמאלט געמיינט, ער האט דעם אַפּאַראַט אזוי פערבע-סערט, אַז אין איין רגע האט ער גע-קענט אויפנעמען אלעס וואס איז געווען אין זיין שטח. אָט די דאזיגע ערפינדונג איז געווען דער ערשטער שריט צום קינאָ. אין יאהר 1886 האט ער דעם פאטאגראפישען אפאראט אויסגעשטעלט אויף דער ליאָנער מעסע, אבער קיינער האט איהם נישט געוואלט קויפען. יע-דער פאטאגראַף און יעדער הענדלער האבען געמיינט, אז ס׳איז נישט נויטיג, ווען מ׳געהט שוין צום פאָטאָגראַף מעג עס דויערן נאך צעהן מינוט.

אבער לומיער איז ביי זיך נישט אראבגעפאלען. ער פערטרייבט זיך די צייט מיט זיינע מאָמענט-פאטאגראפיעס. נישט האבענדיג וואס צו טהון אין זיין קליינעם אָרט, געהט ער ארום אין אלע גאַסען און ס׳מאכט איהם שפּאַס אויפ-צונעמען מענשען און חיות אין פערשי-דענע פאזיציעס, אין וועלכע זיי געפו-נען זיך גראָד אין איינצעלנע רגעים.

עס דויערט עטליכע יאהר ביז לומיער פאלט איין צו פאהרען קיין פאריז און צו זוכען סוחרים פאר זיין ערפינדונג. אין פאַריז דערזעהט ער אין א געשעפט עדיזאָנ׳ס ערפינדונג „קינעטאָס קאָפּ", אין וועלכען מ׳קען אריינקוקען און זעהן פערשידענע בילדלעך, וואס דרעהען זיך אהין און אהער.

לומיער שרייבט צו עדיזאָנ׳ען וועגען זיין ערפינדונג און עס דויערט נישט לאַנג, האבען זיי ביידע געשאפען אנ׳-אַפּאַראַט, וואס בעוועגט די בילדער אויף א גרויסען אופן, אזוי אז לומיער קען מיט זיין מאָמענט-פאטאגראף אויפ-נעמען אלערליי מינוטען - סיטואַציעס, וואס לאזען זיך פעראייניגען צו א גאַנץ בילד מיט א תוכן.

עדיזאָן שרייבט, אַז דאס ערשטע מאל, ווען ער האט געזעהן די בילדער זיך בעוועגען — דאס איז געווען דעם 22-טען יוני 1894 — האט ער זיך אליין נישט געגלויבט צי חלומ׳ט ער נישט. ביידע ערפינדערס האבען זיך צעוויינט פאר שמחה.

אין די ערשטע טעג פונ׳ם יאהר 1895 — מיט פערציג יאהר צוריק — האבען זיי דעם אפאראט געבראכט צו פערקויפען אויפ׳ן לייפציגער יריד. אין א רעסטויראַציע האבען זיי געדונגען א זאַל, בכדי צו ווייזען זייער קינאָ-אַפּאַ-ראַט.

לומיער אליין האט געדרעהט מיט דער האַנד די שטרייפען מיט די ביל-דער. עס זענען געווען עלף שטרייפען צו זיבעצען מעטער. די גאַנצע פאַר-שטעלונג האט געדויערט צוואַנציג מי-נוט, אבער דאס ארויסנעמען און אריינ-לעגען די שטרייפען האט געדויערט מעהר ווי א האַלבע שעה, איז זיך דערוויל דער עולם צעלאָפען.

די פאַרשטעלונג האט נישט געפעלען. זיי האבען געהאט שפּעזען דרייסיג פראנקען און הכנסה האבען זיי געהאָט בסך הכל דריי און דרייסיג פראנקען. זיי האבען נישט געקענט בעקומען אפילו איין מענש, וואס זאָל זיך געווען אינ-טערעסירען פאר׳ן קינאָ.

לומיער האט זיך גענומען צום האַר-צען די גאנצע מעשה און האט זיך אָבגעזאגט פון יעדער ווייטערער אַר-בייט. עדיזאָן אליין האט עס דערנאך איבערגענומען און עס אלץ מעהר און מעהר פערבעסערט, ביז ס׳איז געווארען די גרעסטע אַרבייט פון זיין לעבען.



קאַנצערט מוצאי שבת נאָך חנוכה. און אויך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האט איינגעאָרדענט איהר חנוכה אָוועגד מיט רעדעס מענינא דיומא פונקט צום 9-טען חנוכה-ליכטעל...

מיר זענען אַלץ נישט יוצא...

כ׳וויל נישט מוסר׳ן קיינעם, איך האָב אויך נישט בדעה פון עמיצען אָבצולאַכען, נאָר איך וויל גאָר פשוט בעצייכענען פאַקטען, מיט וועלכע מען בעגעגענט זיך טאג-טעגליך. ס׳מאַכט נישט, אז מען שמועסט זיך אָדורך וועגען זאַכען, וואס זענען אַלטעגליך. איך מיין דאס אָקעגען דעם, וואס מיר יו-דען מוזען מיטטאַנצען אויף אַלע חתו-נות און נאָך אַלעם מיינען מיר, אז מיר זענען נאָך אַלץ נישט יוצא.

אזוי מוזען מיר צאהלען דאָפּעלט שטייערן—איינמאל אין סקאָרב און א צווייט מאהל אין דער קהלה; דאַרף מען געבען א נעקראָלאָג, מוזען מיר גלייכצייטיג צוזאַמען מיט דער יודישער אויך געבען אין דער פוילישער צייטונג; אז מען מוז אַבאָנירען די פוילישע צייטונג וועגען דעם רעכענט מען דאָך שוין נישט.

דאַן מוזען מיר אויך אָנטיילנעמען אין די נישט-יודישע אימפּרעזעס, זיך בעטייליגען אין אַלע זאַמלונגען. מיר מוזען אָנציגדען חנוכה-ליכט און אויך כאָינקעס. (אין א סך יודישע שטובען און זאָגאַר ביי הונדערט-פּראָצענטיגע נאַציאָנאַלע יודען האבען זיך געברענט כאָינקעס מיט אַלערליי בלוי-ווייסע קאָ-לירען). ווייטער האבען מיר א ראש השנה און אויך א סילוועסטער, וועל-כען מיר פייערן מיט׳ן אמת׳ן יודישען ברען. אָבער צו וואס אַלץ אויסרעכע-נען, אז מיר פייערן אונזער רוה-טאג שבת און זייער רוה-טאג זונטאג אזוי.

דאס איז שוין אונזער טראַגעדיע— מיר מוזען אַלעס מאַכען דאָפּעלט און דערביי מיינען מיר, אז מיר זענען נאָך נישט יוצא.

אין זכות פון די נשים...

די פערוואַלטונג פון דער „גמילת-חסד"-קאַסע (אַגראַדאָווע 6) זוכט אַלץ מיטלען, כדי צו פערגרעסערען איהר קאַסע. היינט אָבער ווי אַלע פרובען האבען זיך נישט איינגעגעבען, און הלוואות דאַרף מען פון טאג-צו-טאג אַלץ מעהר ארויסצוגעבען, זענען די פערוואַלטונגס מיטגלידער געפאַלען אויף א המצאה: זיי האבען איינגעלאַדענט אַביסעל פרויען און צו זיי געזאגט אזוי צו זאגען: וואו שטעהט דאס גע-שריבען, אז מיר אליין דאַרפען זיך ברעכען דעם קאָפּ צו שאַפען געלד, כדי צו געבען הלוואות, הלמאי וועט איהר אונז צו העלפען, אפשר אין איי-ער זכות וועלען מיר געהאָלפען ווערען.

הקיצור, די ווייבער האבען זיך גע-נומען צו דער ארבייט און ווי מען אינפאָרמירט מיך געהט עס א גאַנג. דער פרויען-קאָמיטעט, וואס איז גע-שאַפען געווארען ביי דער דאָזיגער גמילת-חסד-קאָסע האט לעצטענס גע-מאַכט אנ׳אַקציע און אריינגעברענגט שעהנע סומען.

וועגען דער דערמאַנטער גמילת-חסד-קאָסע קאָן מען ריכטיג זאגען, אז זי איז געהאָלפען געוואָרען אין זכות פון די נשים...

דער יריד איז אין פולען גאַנג.

אַבי מען בעקלאגט זיך, אז ס׳איז א שטילשטאַנד אין די געשעפטען, מען לייזט נישט, ס׳איז א קריזיס אזוי, וועל איך דעריבער אויסווייזען, אז ווער-ווער נאָר מיר יודען האבען זיך נישט חס ושלום צו בעקלאגען, ביי אונז דאַנקען גאָט איז תמיד לעבעדיג און טומעלדיג.

נעמט, למשל, די לעצטע וואָכען. אָט איז דאָ געווען ד״ר שעכטמאַן, אָב-געהאַלטען א רעפעראַט און אוועקגע-פאהרען, מיינט איהר דאָך אוודאי, אז מיט דעם האט זיך געענדיגט—האט איהר א טעות. דעם רעפעראַט וואס ער האט דא געהאַלטען איז געווען, אזוי ווי מען זאגט, פערזעצט די זאמען, און די חברים זיינע פעראַקערען און שניידען. זיי לויפען אַרום צו די יודען און זאַמלען געלד אויף „קרן-תל-חי".

די וואָך איז ווידער דאָ געווען דער דיכטער לייב יפה, וועלכער האט אויך געהאַלטען א רעפעראַט אויף דער איינ-געאָרדענטער אַקאַדעמיע. די חברים ווידער וועלען שוין טהון דאס זייעריגע, זיי וועלען זאַמלען אויפ׳ן „קרן היסוד".

די „מזרחי" וועלכע שטיצען דאס מאל דעם „קרן-היסוד", ווילען אָבער אויך זאַמלען פאַר זייער מפעל. וועלען זיי עס נישט קאָנען מאַכען עפענטליך, וועלען זיי מאַכען א גערודער אין דער שטיל.

די „יודענשטאָטלער" זעהענדיג, אז אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען מישען אין טאָפּ, האבען זיי דאָך מורא, אז זיי זאָלען נישט בלייבען אינטערשטע-ליג, האבען זיי זיך משתדל געווען און ברענגען אראָב זייער׳ס א לידער דעם ה׳ וויינשטיין און זייט זיכער, אז דאס וועט אויך שמעקן מיט עפעס אַנ׳אַק-ציעלע. דאַן הער איך, אז די מזרחיסטישע קרייזען מאַכען אויך אַנ׳-אַקציע פאַר זייערע „יבנה".

ס׳קומען נאָך פאַר אַנדערע לאָקאַלע אַקציעס, ווי למשל, פאַר׳ן מיליאָן-קאַמ-פּיין פון „צעקאָבע" און אַנדערע, אזוי אז מיר האבען נישט קיין מורא פאַר א שטילשטאַנד. ביי אונז וועט שטענ-דיג זיין לעבעדיג, איבערהויפּט איז ביי אונז לעצטענס דער יריד אין פו-לען גאַנג...

בעריכטיגונג.

איך בין מודה, אז כ׳בין בעגאַנגען אַנ׳עולה געגען א מענשען, וועלכער האט זיך דאס נישט פעדדיענט.

אָמת, אז איך האָב זיך נישט מתכוון געווען יענעם אַנצוטהון עגמת נפש, נאָר כ׳האָב עס געטהון . צוליעב אונ-פאָרזיכטיגקייט.

אין פוריגען נומער פון „טשענסטא-כאווער-צייטונג" האָב איך איבערגע-געבען א בעריכט פון דער „בית יעקב"-פאָרשטעלונג, וואס איז ווירקליך זעהר שעהן אָדורכגעפיהרט געווארען. כ׳האָב זאָגאַר אויסגערעכענט איינצעלנע העל-דען, וועלכע האבען אויסגעפיהרט זיי-ערע ראָלען און בכלל געגעבען, ווי מען זאגט, א גוטע רעצענזיע. דערביי האָב איך אָבער פערגעסען צו דערמאַ-נען די הויפּט-העלדען פון גאנצען אָוועגד, די, וועלכע האט מיט דער גאנצער אונטערנעהמונג אָנגעפיהרט— איך מיין די לעהרערין פון דער „בית-יעקב"-שולע פרוי מלכה וואַסערצוג און איהרע מיטהעלפערין פרל. געליבטער א. אנד.

כ׳ערקלער, אז דאס איז נישט געווען קיין בייזער ווילען, נאָר פשוט א פער-זעהן און מיט די דאָזיגע שורות טהו איך דאס בעריכטיגען.

זיי בונטעווען זיך...

די מתפללים פון דער שטאָדט-שוהל האבען זיך אנגעהויבען בונטעווען באשר בכן זיי זענען אַזוי לאַנג אהן א חזן, האבען זיי צוזאַמענגערופען אַנ׳אַסיפה, כדי צו טראַכטען: מה לעשות. אויך האבען זיי גלייכצייטיג פּראָטעסטירט געגען דעם, וואס די קהלה-פערוואַל-טונג האט אין בודזשעט אויפ׳ן יאהר 1936 פערקלענערט די פענסיע פאַר׳ן חזן.

האט מען גערעדט און גערעדט און ס׳איז געבליבען, ראשית, זאָל מען זיך ווענדען צו דער קהלה, אַז זי זאָל צו-ריקשטעלען די פענסיע פאַר׳ן חזן, והשנית, זאָל מען זיך ווענדען צום חזן באַדאַש קיין אפריקא מיט אַנ-אולטימאַטום, אַז אויב ער וועט נישט צוריקקומען ביז׳ן 1 לוטי, ד. ה. אין 4 וואכען אַרום, זאלען זיי מעגען צו-נעמען אַנ׳אַנדערן חזן.

כאָטש צווישען אונז זאל עס בליי-בען, ווילען די מתפללים שטאַרק, אַז באַדאַש זאָל צוריקקומען, ווארום טאָ-מער זאל זיך דעם חזן פערגליטטען טאַקע דאָרט צו פערבלייבען וועט זיין אַ סך ערגער, וועלען זיי האבען א קלאָפּאָט אויסצוזוכען אַנ׳אנדערן חזן און ווער ווייסט וואס פאַר א מציאה זיי וועלען כאַפּען...

סיי ווי איז לעבעדיג, זיי בונטעווען זיך...

לויתן.

לייב יפה׳ן צום גרוס.



די טשענסטאכאווער יודישע קהלה נעמט היינט אויף א הויכען גאסט, דעם שליח פון דער עקזעקוטיווע פון דער „יודישער אגענץ" און דירעקטאר פון „קרן היסוד"-צענטראלע אין ירו-שלים — דיכטער לייב יפה.

מיר נעמען איהם נישט אויף ווי א גאסט פון דער ווייט. לייב יפה איז ענג פערבונדען מיט׳ן יודענטום פון אונזערע מקומות, צווישען וועמען ער האט געארבייט און געווירקט נאך אין די פריהלינגס-יאהרען פון ציוניזם.

זינט דאס ענטשטעהן פון פאליטישען ציוניזם איז לייב יפה א געטרייער דיענער פון זיין פאלק, פאר וועמען ער האט זיין ליעד געזינגען, פאר וועמען ער האט געארבייט מיט די אלע אוי-סערגעוועהנליכע אייגענשאפטען, -מיט וועלכע ער איז רייך בעשאנקען גע-ווארען.

דער אנהויב — אויפ׳ן אוניווערזי-טעט צווישען די „היידעל-בערגער", וואו ער האט ציוניסטישע תורה גע-לערנט ביים גרויסען יוד, פראפעסאר הערמאן שפירא, דער וויטערדיגער עטאפ — מיט אלע „היידל-בערגער" צוזאמען אויף דעם ערשטען ציוניסטי-שען קאנגרעס. זינט דאמאלס, אהן הפסקות צווישען די פיהרענדע מענער פון רוסלענדישען ציוניזם אויף פער-שיעדענע טעטיגקייט-געביעטען, טא-לאנטפולער ארגאניזאטאר, גייסטרייכער אגיטאטאר, רעדאקטאר און ארויסגע-בער פון ציוניסטישע שריפטען, נישט געווען קיין איינציגער געביעט פון צוניסטישער פאלקס-ארבייט, צווישען גרויסען אמאליגען רוסלענדישען יודענ-טום, אויף וועלכען ס׳זאל נישט ליגען דער שטעמפעל פון לייב יפה׳ס אר-בייט.

נאך דער מלחמה, איז לייב יפה פון די ערשטע עולים קיין ארץ-ישראל, געצויגען „אל המנוחה ואל הנחלה" נאך די שווערע איבערלעבונגען פון דער איבערגאנגס-צייט. אין ארץ-ישראל רוהט נישט לייב יפה, גלייך ווארפט ער זיך אריין מיט׳ן גאנצען ברען אין דער פיעלזייטיגער געזעלשאפטליכער ארבייט פון ישוב. אבער דאס דויערט נישט לאנג. עס קומען אן שווערע צייטען פאר דער אויפבוי-ארבייט אין ארץ-ישראל און לייב יפה ענטפערט אב, פון די ערשט צווישען די פיהרענדע מענער פון ישוב, אויפ׳ן רוף פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און שטעלט זיך צו דער ארבייט פאר׳ן קרן היסוד.

לייב יפה ווערט א וואנדערער. בע-זוכט אלע יודישע קבוצים אין אייראפא, א גרויסע צאהל לענדער פון אמע-ריקא, אט קומט די רייהע אויף אפ-ריקא און באלד וועט נישט זיין קיין איין יודישער קבוץ, וועלכען לייב יפה האט נישט בעזוכט אין נאמען פון דעם — זיך בויענדען — יודישען היימ-לאנד.

אומעטום לאזט לייב יפה הערען די שטום פון ארץ-ישראל און גיט א שע-פערישען אויסדרוק דעם זינען און דעם בעגריף פון דער זאמעל-ארבייט פון קרן-היסוד. ביי יפה׳ן איז דער קרן היסוד נישט בלויז א זאמלונג פון די וויטיגע געלד-מיטלען, נאר אין א גרויסער מאס די זאמלונג פון מאראלישע כחות פון יודישען פאלק פאר׳ן ארץ-ישראל-אויפבוי. דא ליגט אין א געוויסע מאס דער שליסעל צו די גרויסע ערפאלגען פון לייב יפה.

מיט א בעזונדערע ליעבע בעציהט זיך לייב יפה צום פוילישען יודענטום, וועמענס גאסט ער איז שוין אוצט — אויב איך האב קיין טעות נישט — צום זעקסטען מאל. זעהר וואכזאם איז אונזער גאסט און אבסערווירט אויפ-מערקזאם די געשעהענישען פון פוילי-שען יודענטום און איילט צו אונז ווי נאר ער דערשפירט, אז דער בארא-מעטער פון דער ציוניסטישער ארבייט פאר ארץ ישראל ווייזט אין פוילען אויף מינוס. נאך פריש אין אונזער זכרון איז דער איבערברוך אין אונזער שטימונג, וועלכען לייב יפה האט גע-בראכט בעת זיין ערשטען בעזוך אין פוילען, דאמאלס בעת׳ן שווערען קרי-זיס אין ארץ-ישראל. ווען ער האט פאראויסגעזאגט אין זיין דיכטערישער אינטואיציע די נייע גליקליכע תקופה, וואס האט אויף זיך נישט געלאזט ווארטען. מיר געדענקען זיין גראנד-יעזען אויפטהו מיט דער באלפור-דע-מאנסטראציע אין יאהר 1924, בעת ער האט ארויסגעפיהרט דאס גאנצע יודי-שע ווארשא אויף די גאסען און האט פראקלאמירט דעם גרויסען יום טוב פון ארץ-ישראל צווישען פוילישען יודענ-טום.

מיר זעהען איהם שפעטער, מיט וואס פאר ערפאלג ער ברעכט די דע-פרעסיע שטימונג, אין פוילישען ציו-ניזם נאך דער פערטער עליה, דורך דער גראנדיעזער קאנפערענץ פון פוי-לישען יודענטום פאר׳ן קרן היסוד. און איצט, אז דער פוילישער ציוניזם ווערט בעהערשט פון צושפליטערונג און אין דער יודישער עפענטליכקייט הערט זיך די שטים פון פרוכטלאזער און צו להכעיס-אפאזיציע, איילט ווי-דער לייב יפה צו אונז. ווייל ער גלויבט אין פוילישען יודענטום, גלויבט אין זיין געטריישאפט צו ארץ-ישראל און צו דער אויפבוי-ארבייט. גלויבט אין זיינע אייגענע כחות צו שאפען א איבערוואנדלונג אין פוילישען יודענ-טום.

א מענגע פון גרויסע אייגענשאפטען מאכען בעליעבט לייב יפה׳ן ביי אלע שיכטען פון יודענטום און זיינע ווער-טער — די שטים פון ארץ-ישראל — געפונען דעם וועג צו די יודישע הער-צער און רופען צו שעפערישע מעשים פאר ארץ-ישראל, צו פריידיגער ארבייט פאר׳ן קרן היסוד. לייב יפה איז דורכ-געדרינגען מיט דער א. נ. ארץ-ישראל׳-דיגער אומרואיגקייט, מיט וועלכער ער פערכאפט זיינע צוהערער און מיטאר-בייטער. אומעטום ברענגט ער אריין דעם יום-טוב פון ארץ-ישראל, פון דעם זיך בויענדען היימלאנד פון יודישען פאלק. דאס איז די בעלוינונג און די גרויסע סאטיספאקציע פאר דער גרוי-סער צאהל פרויען און מענער, וועלכע העלפען מיט דעם הויכען גאסט אין זיין גרויסער ארבייט.

פאר דער דאזיגער אומרואיגקייט, וועלכע ער ווארפט אריין אין יודישע הערצער און מאכט זיי ציטערן פאר׳ן גורל פון ארץ-ישראל. פאר דער גרוי-סער ארץ-ישראל׳דיגער יום-טוב׳דיגקייט, וואס ער ברענגט אריין אין אונזערע יודישע הייזער — גריסען מיר איהם מיט דעם הארציגען יודישען גרוס: שלום!

א. ל.

געפאלען די צאהל טעלעפאן-אבאנענטען.

דער לאנג-יעהרינער קריזיס און די פענסיעס-רעדוקציע האט זיך שלעכט אבגעשפילט אויף פערשידענע ווירט-שאפטליכע צווייגען. ס׳איז דעריבער נישט קיין חידוש וואס ער האט אויך ארומגענומען די טעלעפאנען-נעץ.

די יעצטיגע צאהל טעלעפאן-אבאנענ-טען בעטרעפט 1.115, אין דער צייט, ווען אינ׳ם ערשטען יאהר פון די אוי-טאמאטישע טעלעפאנען איז זייער צאהל געווען 1280.

דערפון דרינגט ארויס, אז אונזער אויטאמאטישע טעלעפאנען-סטאציע וואס איז בערעכענט אויף 3.600 אבאנענטען, וועט געניגען אויף עטליכע יאהר.

דרייסטע גנבות אין דער פאבריק פון די ברידער קאנטשעווסקי.

זייט א לענגערע צייט ווערען אויס-געפיהרט גנבות פון אייזען-גוס אין דער מאשינען-פאבריק פון די ברידער קאנ-טשעווסקי אויף אגראדאווא 41-43.

די גנבים האבען אויסגעפיהרט זייערע פערברעכערישע טהאטען אויף גאר א דרייסטען אופן: זיי זענען מיט פוהרען צוגעפאהרען אויפ׳ן שכנות׳דיגען פלאץ פון „שוו. ראדזינא", וואוהין זיי האבען דורכ׳ן פלויט ארויסגעווארפען אייזערנע שטאבעס, ארויפגעלעגט אויף די צוגע-גרייטע וואגענס און דאן אוועקגעפאה-רען.

די דאזיגע גנבות האבען זיך עטליכע מאל איבערגע׳חזר׳ט און די גנבים זע-נען געווארען וואס אמאל דרייסטער, אזוי אז זיי האבען געפרובט די גע-גנבעטע סחורות צוריק צו פערקויפען דער פאבריק.

די דירעקציע פון דער פאבריק האט צוליב די אפטע פאלען געמאלדען דער פאליציי, וועלכע האט נישט קענענדיג ענטדעקען די גנבים, ווייל זיי האבען נישט איבערגעלאזט קיין שום שפורען, געראטען דער דירעקציע צוצונעמען א ספעציעלען שומר. די פאבריק האט צוגענומען א שומר און דערביי אבגע-שמועסט, אז אין פאל פון אנ׳איבערפאל פון די גנבים, זאל דער שומר מודיע זיין די דירעקציע דורך דער ספעציעל צו דעם צוועק איינגעארדענטער אלארם-ליניע.

מאנטאג פארטאגס האבען זיך אויפ׳ן פאבריקס-פלאץ אריינבעקומען 2 גנבים. דער שומר האט אלארמירט די וואוי-נונג פון איינעם פון די אייגענטימער, וועלכער האט מאמענטאל מודיע געווען די פאליציי.

דער אנגעקומענער פאליציאנט האט געטראפען איינעם פון די גנבים אויפ׳ן דאך פון א קאמערל און איהם אויפ-געפאדערט אראבצוגעהן. דער גנב האט דאסמאל אנגעוואנדען א געפעהרליכען „טריק" און ארויפגעשפרונגען גלייך אויפ׳ן פאליציאנט, וועלענדיג איהם, מסתמא, אזוי-ארום פערטויבען. דער דא-זיגער פרוב האט זיך אבער דעם גנב נישט איינגעגעבען און ווען ער האט געפרובט נאכ׳ן שפרונג צו ענטלויפען, האט דער פאליציאנט צו איהם געשא-סען, פערוואונדענדיג איהם אין בויך.

דער פאליציאנט האט דאמאלס אויך פערהאלטען דעם צווייטען גנב. דער פערוואונדעטער האט זיך ארויסגעוויזען אלס טשעסלאוו גורניאק פון פיאסטאוו-סקא 147, וועלכער איז נאכ׳ן איבערפיה-רען איהם אין שפיטאל אריין — גע-שטארבען. אויך דער צווייטער פער-האלטענער איז א בעקאנטער גנב — מיעלטשארעק.

ל. מלאך אין טשענסטאכאוו

פרייטאג, דעם 10.1 1936 וועט בע-זוכען אונזער שטאדט דער בעקאנטער ליטעראט און זשורנאליסט ה׳ ל. מלאך דער פערפאסער פון א גאנצע רייהע ווערק דאן דאמינגא, מיסיסיפי נאך זיינע לעצטע נסיעות איבער איטאליען וועט איבערגעבען זיינע איינדרוקען א. ד. ט.: „אונטער די שווארצע פליג-לען פון רוימישען אדלער".

טעאטער און מוזיק.

די יודישע אפערעטען-טרופע מיט גיזי היידען, ש. פריזאמענט און מ. קליין, האבען ליידער דערוויל נישט וואו צו שפילען און וועלען מסתמא ערשט אנהויבען זייערע וויטערדיגע אויפטריטען דעם 7-טען ד. ח.

פון די אויפפיהרונגען וואס מיר האבען געזעהן ביז-איצט מוזען מיר פעסט-שטעלען, אז אין דער טרופע זענען פערהאן בעדייטענדע כחות, וועלכע, ווען זיי ארבייטען ביי בעסערע בע-דינגונגען, וואלטען געקענט א סך לייסטען אויפ׳ן געביעט פון גוט טע-אטער-שפיעלען. ליידער אבער, זענען זיי אזוי, ווי דאס גאנצע יודישע פאלק, נע-ונד׳ניקעס און דאס מוז זיך אויך אברופען אויף זייער געמיט.

אויפ׳ן ערשטען ארט רוקט זיך ארויס דאס פארל גיזי היידען, וועלכע פער-מאגט טעמפעראמענט און איז א פיי-ערדיגע סוברעטין און ש. פריזאמענט אלס פיינער קולטורעלער ארטיסט, וועלכער מאכט אלע ראלען זעהר גוט. בעזונדערס מוז מען שטארק אפלאדירען דעם ה׳ פריזאמענט פאר זיין וואונדער-בארען נומער אין דער רעווי אויפ׳ן סילוועסטער-באל. מיכאל קליין, וועל-כער איז אונז גוט בעקאנט פון זיין לאנגיעהריגער ביהנע-ארבייט בעהאנ-דעלט יעדע ראלע זיינע אין יעדען נומער געזאנג ערנסט און מיט הארץ און דערפאר מוז מען אויך צו איהם האבען אנ׳ערנסטע בעציהונג.

זעהר א גוטע מאסקע שאפט ה׳ ק. וויינבערג (הערבסט) און יעדע ראלע, וועלכע ער שפיעלט איז טריי זיין טיפ. סעם גאלדבערג איז לעצטענס געווארען א שעהנער פאט קאמיק זינגט אב שעהן א לידעל, דערביי מוז מען אבער מאכען א קליינע בעמערקונג: חבר טיי-ערער, געדענקט, אז איהר זענט א יו-דישער אקטיאר און טהוט נישט מיס-ברויכען מיט אייער טאלאנט, ביי א סך ערנסטע יודישע טעאטער-בעזוכער איז נאך די ביהנע א מזבח (זייט מוחל ליבער חבר, די דאזיגע בעמערקונג איז געמאכט געווארען דערפאר ווייל מיר סימפאטיזירען מיט אייך). דאן מוז נאך דערמאנט ווערען ה׳ האניגבוים, וועל-כער ווייסט וואס ער שפיעלט און ה׳ דוד ספיוואק, וועלכער פערדיענט א ספעציעל ארטיקעל וועגען זיין לייס-טונג פאר דער יודישער ביהנע, ווייל אויסער אקטיאר איז ה׳ ס. אויך מחבר, (וועגען דעם א צווייט מאל). פון די פרויען רוקען זיך ארויס פרל. ראיע זאמין, וועלכע איז פון א טענצערין ביי דער טרופע קאדיש-חאש אויסגעוואקסען צו א גאנץ ניש׳קשה׳דיגע סוברעטין; פרוי האניגבוים—זעהר גוט; פרוי גראס און פרל. סאנדלער העלפען-צו צום ערפאלג.

מיט איין ווארט, א גאנץ נישקשה-דיגע טרופע. זי דארף נאר האבען מעהר מזל.

דער זאל, וואו עס האט איינגעאר-דענט דעם קאנצערט די גמילת-חסד-קאסע אגראדאווע 6 איז געווען איבער-פולט פון א פערשידענארטיגען עולם, איבערהויפט פון „עמך", וועלכע האבען אנגעקוואלען פון די פערשידענאר-טיגע געזאנגען פון אבער-קאנטאר ה׳ פינקעלשטיין.

דערביי מוז אבער אויך געמאכט ווע-רען די שוין-פעסטגעשטעלטע בעמער-קונג, אז יעדער אוונד, וואס ווערט אויסגעפיהרט דורך איין-איינציגען אר-טיסט, ווען ער זאל זיין ווי פעהיג און געלונגען, מוז ער זיין אביסעל נודנע. אויך ה׳ פינקעלשטיין האט געגעבען דאס בעסטע און שענסטע, וואס ער פערמאגט, פונדעסטוועגען וואלט נישט געשאדט, ווען אויסער דעם ה׳ פינ-קעלשטיין, וועלכער האט געגעבען סי-נאגאגאלע ווי אויך פאלקס-לידער וואלט געווען, נאך אנ׳אטראקציע.

ש.

נאר 1 אויפטריט פון דער יודישער אפערעטען-טרופע.

צוליב דעם וואס עס איז נישטא קיין זאל, וואו צו שפילען וועט די יודישע אפערעטען-טרופע מיט גיזי היידען, ש. פריזאמענט און מ. קליין בראש געבען נאר איינאיינציגען אויפטריט היינט, פרייטאג 9-15 אוונד אין פייערלעשער-זאל.

עס ווערט געגעבען צו זעהר ביליגע פרייזען די בעוואוסטע אפערעטע מיט געזאנג און טענץ „נאכט-גנבים" (נאך 12 ביינאכט).

בילעטען צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה׳ באטשאן און פון 5 נאכמ. ביי דער קאסע פון פייערלעשער-זאל.

דער הויפט-דאקטאר פון דער אובעז-פיעטשאלניע פערלאזט זיין אמט.

דעם 1 יאנואר איז אבגעטרעטען פון זיין אמט דער הויפט-דאקטאר פון דער „אובעזפיעטשאלניע" דר. שימאנסקי, וועלכער איז קוים מיט 2 חדשים צוריק געווארען גאמינירט אויפ׳ן דאזיגען אמט. די פליכטען ערפולט דערוויל זיין פער-

טרעטער דר. מ. לעווין.

פון קאמעראל-טעאטער.

היינט, פרייטאג 8 אוונד קומט פאר דער איינציגער אויפטריט פון דער טענצערין לאדא האלאמא.

שבת 8 אוונד — די אונגארישע קאמעדיע „אהן נדן קען איך נישט חתונה האבען".

פון זש. ט. ק.

דער לאקאל פון דער געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט געפינט זיך אין דער שולע א. ג. פון זאפיא וויינשטאק, 2-טע אלעע 20.

ביי גינסטיגע בעדינגונגען, ווערען יעדען זונטאג איינגעארדענט שליטלעך-אויספלוגען אין די הערליכסטע געגענ-דען ארום טשענסטאכאוו.

אין יאנואר ה. י. ווערען געעפענט קורסען פון דער ענגלישער שפראך און ראדיא-טעכניק פאר אנפענגער צו די צוגענגליכסטע פרייזען.

אינפארמאציעס און איינשרייבונגען אין סעקרעטאריאט פון זש. ט. ק. פון האלב 9 ביז האלב 10.

פייערלעשער=זאל.

גאסט - אויפטריטען פון די בעוואוסטע ליעבלינגס - ארטיסטען

גיזי היידעז און **שלמה פריזאמענט**

מיט'ן אנטייל פונ'ם ארטיסט **מיכאל קליין**

היינט, פרייטאג, דעם 3 יאנואר 9-30 אוונד

נאכט=גנבים (נאך 12 ביינאכט)

פון ש. פריזאמענט אין 3 אקטען.

פרייזען: גאלעריע 55 גר., קזשעסלא פון 1—10 רייהע 1.70 זל.
פון 11—22 רייהע 1.10 זל.

בילעטען אין דער דרוקעריי באטשאן, פון 5 אווענד אין קאסע פון „מכבי".

בעגנב'עט אַנ'אינדוסטריעלער אין צוג.

אין א רעסטאראן-וואגאן פון שנעל-צוג קאטאוויץ—ווארשא איז מיט עטליכע טעג צוריק געפאהרען דער אינדוסטריע-לער צ. פון קאטאוויץ. אין א געוויסען מאמענט איז אין וואגאן אריין א שעה-נע אונבעקאנטע דאמע, וועלכע האט זיך אוועקגעזעצט ביים אינדוסטריעלער'ס טישעל. צופעליג האט דער אינדוסט-ריעלער אין וואגאן געטראפען זיינעם א פריינד, א פאבריקאנט פון קאליש, וועלכען ער האט אויך פערבעטען צום זעלבען טישעל.

קורץ דערנאך איז דער קאטאוויצער אינדוסטריעלער ארויס אויף א ווייל פון רעסטאראן-וואגאן און דאן איז דער קאלישער פאבריקאנט, א געוויסער ק.ג. פערבליבען אליין מיט דער דאמע. בעת דעם געשפרעך, וואס האט זיך צווישען זיי ענטוויקעלט, האט זיך די דאמע פארגעשטעלט אלס פרוי פונ'ם פראקו-ראר גראבאווסקי פון ווארשא און אפילו דערמאנט איהר אדרעס. דערווייל האט זיך דער צוג אבגעשטעלט אויף דער סטאציע אין טשענסטאכאוו און דא האט זיך די דאמע געוואנדען צום פאבריקאנט, אז ער זאל איהר בארגען 100 זל., ווייל זי דארף עפיס ערלעדיגען אויף דער סטאציע. די 100 זל. האט זי איהם גע-זאלט אומקעהרען אביסעל שפעטער, ווען זי וועט אריין אין איהר קופע. זי האט די 100 זל. בעקומען און גלייך אויסגע-שטיגען.

ווען דער צוג האט ווידער געריהרט פון ארט און די שעהנע דאמע איז נישט צוריקגעקומען האט דער קאלישער פאבריקאנט בעקומען א חשד, וועלכער האט זיך נאך פערשטארקט, ווען ער האט זיך נאך פון זיין קאטאוויצער פריינד דערוואוסט, אז די דאמע איז א צופעליגע בעקאנטשאפט. נאכ'ן אנקומען קיין ווארשא האט דער פאבריקאנט וועגען אלעם געמאלדען דער פאליציי, וועלכע האט אונטערגענומען אנ'אויס-פארשונג. דער געליטענער האט דערביי דער פאליציי איבערגעגעבען א וויכטי-גען פרט, א דאנק וועלכען עס איז גע-לונגען צו ענטדעקען די שווינדלערין. ער האט בעמערקט אויף דער האנד פון דער „דאמע" א רויטען צייכען פון אבבריהען.

די אויספארשונג איז איבערגעגעבען געווארען דעם טשענסטאכאווער אויס-פארשונגס-אמט, וועלכער האט אין עט-ליכע טעג פעסטגעשטעלט סענסאציאנע-לע פרטים. ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז די כלומר'שטע פרוי פונ'ם ווארשא-ווער פראקוראר איז א קאבארעט-טענ-צערין מיט'ן נאמען גאלדע נוכער, וועלכע איז געווען בעשעפטיגט אלס פארטענצערין אין א טשענסטאכאווער נאכט-לאקאל, וואו זי איז געווען בע-קאנט אונטער'ן נאמען „רענא רענסקא". די טענצערין האט אויך איצט געזאלט אנגאזשירט ווערען אין א היגען רעסטא-ראן, אבער דערוויסענדיג זיך, אז זי ווערט בעשולדיגט אין גנבה, איז זי בעצייטענס ענטלאפען. גאלדע נוכער איז אויך אויפגעטרעטען אין א נאכט-לאקאל אין לעמבערג, וואו זי האט שאנטאזשירט א דארטיגען אינזשיניער.

340.000 זל. אויף אויסצובויען טשענסטאכאוו.

ווי מ'טיילט מיט, האט די באנק גאספאדארסטווא קראיאוועגא בעשטימט אויף אויסצובויען טשענסטאכאוו די סומע פון 340 טויזענד זל.

אין די ראהמען פון צוגעטיילטען קאנטינגענט, קאן דער בוי-קאמיטעט אננעמען חלואה-פארשלאגען און זיי דאן איבערשיקען אין דער באנק גאספא-דארסטווא קראיאוועגא.

די דאזיגע הלואות וועלען ווערען ערטיילט אהן שום בעגרעניצונגען אויף צו בויען געמויערטע און הילצערנע הייזער. דערביי וועלען בעפארצוגט ווערען די דאזיגע, וועלכע וועלען אין בעצוג צו די גאנצע בוי-קאסטען זיך נויטיגען אין די קלענסטע הלואות.

פון „עקיבא".

פערג. מיטוואך האט דער היגער סניף איינגעארדענט א פייערליכען חנוכה-אווענד מיט א זעהר רייכען פראגראם, וועלכער האט זיך גלענצענד איינגעגעבען. די אינסצעניזאציעס פון דראמאטישען קרייז האבען ביי די אנ-ווזענדע אויפ'ן חנוכה-אווענד זעהר אויסגענומען. אויפ'ן פערלאנג פון די געסט איז געווארען בעשלאסען אונטער'ן פראטעקטאראט פון עלטערן-קאמיטעט איינצוארדנען נאכאמאל א פארשטעלונג, וועלכע קומט פאר מארגען מוצאי-שבת, דעם 4 טען ד. ח. 8 א זייגער אוועוד אין אייגענעם לאקאל בערקא יאסעלע-וויטשא נר. 11.

דערמיט לאדענען מיר גלייכצייטיג איין אלע ציוניסטישע יוגענד-ארגאני-זאציעס אויפ'ן אויבענדערמאנטען אווענד.

בעקאנטע גנבים פאר'ן קרייז-געריכט.

דאס קרייז-געריכט האט בעטראכט דעם פראצעס פון די צוויי בעקאנטע גנבים יוזעף פאפענדא און קאזשימיעזש סטאניק, פון וועלכע סטאניק איז מעהר בעקאנט, ווייל ער איז געווארען ניין מאל פערוואונדעט בעת דער פאליציי-אישער אבלאווע אויף די מערדער פונ'ם פאליציאנט קזשיזשאנאווסקי.

צוזאמען מיט די אנגעקלאגטע האבען פערנומען די בעשולדיגונגס-באנק די ברידער זיגמונט און טשעסלאוו שמולקא, שמוגלערס, וועלכע זענען אנגעקלאגט פאר קויפען גע'גנב'עטע זאכען.

אין דער נאכט פון 5 אויפ'ן 6-טען פאזדזיערניק 1934 איז געווארען אויס-געפיהרט א גנבה אין דער וואוינונג פון א געוויסען רעמבישעווסקי. ס'זענען געווארען צוגעגנב'עט: פוטערס, פאל-טענס, אנצוגער, זילבער, א ראדיא און אנדערע חפצים אין דער ווערט פון 3.000 זלאטעס.

אויף די שפורען פון די גנבים האט פאליציי נישט געקענט קומען. ערשט נאך דער אבלאווע, בעת וועלכער ביידע אנגעקלאגטע זענען אריינגעפאלען אין די הענד פון דער פאליציי, האט פא-פענדא זיך מודה געווען, אז ער האט בשותפות מיט סטאניק'ן אויסגעפיהרט די גנבה. די צוגעגנב'עטע חפצים הא-בען זיי פערקויפט שמולקא'ן.

פאליציי האט אדורכגעפיהרט א רע-וויזיע און א טייל געגנב'עטע זאכען אבגענומען טשעסלאוו ביי שמולקא'ן און אויפ'ן בוידעם, וואס געהער צו זיגמונט שמולקא'ן איז געווארען געפונען דער ראדיא-אפאראט. וואס אנבעלאנגט די רעשט געגנב'עטע זאכען, האט שמולקא נישט געוואלט אנווייזען וואו זיי זענען בעהאלטען, נאר געהייסען דער פאמיליע זיי אבברענגען אין אויספארשונגס-אמט.

בעת דער געריכטס-פערהאנדלונג האט פאפענדא זיך מודה געווען צו דער גנבה, נור ערקלערט, אז ער האט זי אויסגעפיהרט נישט בשותפות מיט סטא-ניק'ן נאר מיט א פרוי, וועלכע האט איהם אנגעוויזען דאס ארט, וואו צו גנב'ענען. פאר די געגנב'טע זאכען האט ער בעקומען 100 זל. און די רעשט 140 זלאטעס האט ער געזאלט בעקומען נאכ'ן פערקויפען זיי דורך שמולקא'ן.

סטאניק האט זיך נישט מודה געווען צו דער שולד, נור ער האט נישט אבגע-לייקענט, אז ער איז געווען ביי שמולקא'ן מיט זאכען, וועלכע שטאמען פון אנ'אויסלענדישער גנבה. אליין האט ער זיך מיט קיין גנבות נישט געקענט פערנעמען, ווייל ער האט זיך אויסבע-האלטען פאר דער פאליציי נאכ'ן ענ-טלויפען פון תפיסה.

דאס געריכט האט פער'משפט: יאן פאפענדא און קאזשימיעזש סטאניק צו 5 יאהר תפיסה, טשעסלאוו שמולקא — אויף 1 יאהר תפיסה און זיגמונט שמול-קא איז געווארען פרייגעשפראכען.

פער'משפט א בעל-הבית.

דעם 20 וושעשען פ. י. איז אינ'ם הויז פון וואצלאוו טארקאווסקי אויף שוו. בארבארי געקומען א קאנטראלער פון שטאדטישען געזונדהייטס-אמט, כדי אדורכצופיהרען די סאניטארע קאנטראל אינ'ם הויז. ער האט זיך אבער געטרא-פען מיט א נישט-פריינדליכע אויפנאהמע, ווייל אין מאמענט, ווען ער האט אונ-טערזוכט די נישט-ענטציקענדע ארדנונ-גען, איז צו איהם פון הינטען צוגעלא-פען ה' ט. און גענומען שטיקען ביים האלז. ווען דער דערשראקענער קאנ-טראלער האט מיט די לעצטע כוחות אויסגערופען: — „מענש, וואס טהוסטו"? האט ער איהם אבגעלאזט, נאר אויף געזעגענען צוגעגעבען א קאפע מיט'ן פוס און א בייזוויליגע בעמערקונג: — „יעצט זוך דיר עדות"!

דער בעליידיגטער שטאדטישער בע-אמטער האט איבערגעשיקט דעם ענין אין געריכט, וועלכעס האט איהם פער'-משפט אויף 2 חדשים ארעסט, אבלע-גענדיג איהם דאס אויספיהרען די שטראף אויף עטליכע יאהר.

שטורמישע פאסירונג אין דער 2-טער אלעע.

די דורכגעהער אין דער צווייטער אלעע זענען געווען עדות פון א שטור-מישער פאסירונג, פון וועלכער די העל-דען זענען געוועזן: סטעפאן טשעשלא (שוו. ראך 76) און זענאן וואיטשאק (לודזקא 6).

זייענדיג אין א שיכור'ן צושטאנד האבען די דערמאנטע אנגעגריפען דעם באלאנען-הענדלער אלי' גרינשפאן (פיל-סודסקי 23), פערלאנגענדיג פון איהם געלד אויף בראנפען. ווען גרינשפאן האט זיי אבגעזאגט — האבען זיי איהם שטארק צושלאגען. ערשט עטליכע פער-בייגעהענדע ארבייטער האבען די אוואנ-טוריסטען פערהאלטען און איבערגעגע-בען אין די הענד פון דער פאליציי. טשעשלא און וואויטשאק זענען אבגע-פיהרט געווארען אין קאמיסאריאט, וואו זיי האבען איבערגענעכטיגט.

פינג-פאנג וועגען דער מייסטער-שאפט פון טשענסטאכאוו.

זונטאג, דעם 29-טען פ.ח. האט דער טשענסטאכאווער „הכח" געשפילט א מייסטערשאפטס-מעטש מיט'ן „הכח" אין ראדאמסק. דער מעטש איז געווען זעהר אינטערעסאנט, ווייל ביידע מאנשאפטען געפינען זיך אין א גוטער פארם. עס זיעגט אבער דער היגער „הכח" 3:7.

די רעזולטאטען פון אנדערע מייס-טערשאפטס-מעטשען זענען פאלגענדע:

הפועל (ראדאמסק) — יוטרזשניא 4:6.

בליסקאוויצא — יוטרזשניא 2:8.

הכח — גוויאזדא 3:7.

הכח (ראדאמסק) — מכבי 2:8.

הפועל (ראדאמסק)—הפועל (טש.) 4:6.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער לאנגיעהריגען מיטגליד

ה' יעקב שיליש

צוליעב'ן טויט פון זיין פאטער

נ"ע ניסן

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די גבאים, קאמיטעט און מתפללים
פון דער שוהל **„אהל יעקב", אלעע 4**

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פערוואלטונגס-מיטגליד

ה' שמואל קאץ

צוליעב'ן טויט פון זיין ברודער

נ"ע משה

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די גבאים, קאמיטעט און מתפללים
פון דער שוהל **„אהל יעקב", אלעע 4.**

אונזער פריינד ה' **שמואל קאץ** און **פרוי**

צוליעב'ן טויט פון זייער ברודער און שוואגער

נ"ע משה

דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

ב. באטשאן און פרוי.

סוחרים און פאבריקאנטען=פעראיין אין טשענסטאכאוו.

זונטאג, ד. 5 יאנואר 1936 י. 8 אווענד

קומט פאר אין אייגענעם לאקאל פון פעראיין, אלעע וואלנאשטשי 5—3

א רעפעראט לייב יפה

פון דירעקטאר פון „קרן היסוד"

א. ד. ט.: די עקאנאמישע סיטואציע אין א"י.

איינגאנג נור פאר מיטגלידער פון פעראיין און דורך זיי אריינגעפיהרטע געסט

שבת, דעם 18 יאנואר 6 אווענד אין ערשטען טערמין און 7 אווענד אין צווייטען טערמין, וועט פארקומען

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

פון דער געז. „טאז"

טאג-ארדנונג: 1) אנהויב, 2) וואהלען פון א פארזיצענדען פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג, 3) בעריכט פונ'ם בודזשעט-יאהר 1934—5, 4) בודזשעט-פרעלימי-נאר אויפ'ן יאהר 1935—6, 5) וואהלען פון פינף פערוואלטונגס-מיטגלידער און פערטרעטער, 6) וואהלען פון 3 מיטגלידער פון דער רעווידיר-קאמיסיע און פערטרעטער, 7) פרייע פארשלאגען.

בעקאנטמאכונג.

צוליעב די רדיפות אויף יודען, זייענדיג געצווינגען צו פערלאזען דייטשלאנד, האבען מיר זיך צוריק בעזעצט אין אונזער געבורט=שטאדט

טשענסטאכאוו, בערקא יאסעלעוויטשא 1 וואוינונג 12 אין הויף

וואו מיר גיבען ארויס **געשמאקע היימישע**

מיטאגען

צו זעהר ביליגע פרייזען.

מיט אכטונג

ס. אלטמאן, ב. יאסעלעוויטשא 1.

KINO „EDEN".

די לאנג נישט-געזעהענע הומאריסטען

פאט און פאטאשאן

אינ'ם נייעסטען און איינציגען היי-יעהריגען פילם

CYRK SARAMA

פרעהליכסטע, הומארפולע וויענער קאמעדיע.

אויסער'ן פראגראם:

די נייעסטע וועלט-אקטואליען.

Kino „LUNA"

היינט — דער הערליכער פוילישער פילם

MANEWRY MIŁOSNE

אין די הויפט-ראלען די בעסטע פוילישע ארטיסטען

מאנקעוויטשובנא, זשוימינסקא, לאדא האלאמא, זשאבטשינסקי, סעמפאלינסקי א. א.

קלאבוצק.

שבת, דעם 28 פ. ח. איז פארגעקו-מען א פייערליכע קרן-תל-חי-אקאדעמיע מיט דער בעטייליגונג פון קצין ברית-החיל פון טשענסטאכאוו יוסף שיד-לאווסקי.

אין נאמען פון פרעזידיום בעגריסט דעם גאסט דער מפקד-ביתר—ישראל רייבערט. דאן בעקומט דאס ווארט צו זיין רעפעראט קצין יוסף שידלאווסקי, וועלכער רעדט וועגען די ציעלען און אויפגאבען פון נ. צ. א. ווי אויך ווע-גען דער וויכטיגקייט פון דער איצטי-גער קרן-תל-חי-אקציע. גלייך אויפ'ן ארט זענען געשאפען געווארען בעשטיי-ערונגען אויף גרעסערע סומעס.

דיאמענט.

קושעפיץ.

אין צוזאמענהאנג מיט דער פראקלא-מירונג פון דער חנוכה-אקציע לטובת דעם קרן-תל-חי האט דא געוויילט דעם 25-טען ד. מ. דער קצין פון ברית החיל אין טשענסטאכאוו יוסף שידלאוו-סקי, וועלכער איז ארויסגעטרעטען מיט אנ'עפענטליכען רעפעראט א. ד. ט.: „אויף נייע וועגען".

ראזען.